Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פּרייז 15 גראָשען

הײַנט 10 זײַטען

נייער פאָלקסבלאַט

№ 140 | Łódź, Wtorek 18 czerwca 1935 r. | דרייצענטער יאָהרגאַנג | לאָדז, דינסטאָג, י״ז סיון תרצ״ה | № 140

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 224-71

ענטשעדיגונג פאַר די געליטענע
פון דער היטלערישער איבערקערעניש אין דייטשלאַנד
אַזאַ אויספיהר־פעראָרדנונג איז ערשינען אין „דריטען רייך"

וואַרשאַ, 17 (טעלעפּאָניש). אין געזעץ־בלאַט פון דייטשען רייך איז פער־עפענטליכט געוואָרען אַן אויספיהר־פעראָרדנונג צום געזעץ וועגען ענטשעדיגונגען פאַר שאָדענס, וואָס זענען פעראורזאַכט געוואָרען דורך פאַלען, וואָס זענען געווען פערבונדען מיט דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער איבערקערעניש אין דייטשלאַנד. אין זין פון דער דאָזיגער פעראָרדנונג האָבען רעכט אויף ענטשעדיגונגען נאָר די, וועלכע האָבען בעת די נאַצי־רעוואָלוציע געליטען מאַטעריעלע אָדער מאָראַלישע שאָדענס צוליב וועלכע עס איז איבערשרייטונגען דורך די מאַכט־אָרגאַנען, צוליב צוזאַמענלויפען אָדער אונרוהען.

די געליטענע דאַרפען אָנמעלדען זייערע פּרעטענציעס צו די ענטשפּרעכענדע געריכטען.

דער לעצטער טערמין פון אָנמעלדען די שאָדענס איז פאַרלענגערט געוואָרען ביזן 30 סעפּטעמבער ד. י.

(צי די יודישע פליטים פון דייטשלאַנד, וועלכע האָבען אין זייער גרעסטען רוב געליטען גרויסע מאַטעריעלע און מאָראַלישע שאָדענס צוליב דער היטלערישער איבערקערעניש, וועלען קענען אָנמעלדען זייערע תביעות צו דייטשע געריכטען און צי די פּרעטענציעס וועלען בעריקזיכטיגט ווערען — איז אַ גרויסע פראַגע. — רעד.)

די אינטערנאַציאָנאַלע וואַלוטע־קאָנפערענץ
איז אַן אומהיימליכער ענין פאַר די וועלט־באַנקירען

בערלין, 17 (ספּ. טעל.) די שווייצאַרישע טעלעגראַפען־אַגענטור מעלדעט פון באַזעל, אַז די אינטערנאַציאָנאַלע באַנקירען־קרייזען האָבען מיט אַ גרויסען סקעפּטיציזם אויפגענומען מאָרגענטוי'ס פאָרשלאַג וועגען רופען אַן אינטערנאַציאָנאַלע וואַלוטע־קאָנפערענץ.

ווי ס'דאַכט זיך, איז ענגלאַנד נישט געניגט פאַר די וואַהלען דורכצופיהרען אַן ענטשפּרעכענדע סטאַביליזאַציע פון איהר וואַלוטע.

די גאַנצע פראַגע האַלט נאָך ווייט פון אַן ענטשיידונג.

מען האַלט פונדעסטוועגען, אַז אַ פערשטענדיגונג פון אייראָפּאַ, ענגלאַנד, פראַנקרייך און עווענטועל פון יאַפּאַן וועט זיין געניגענד אויף צו רעאַליזירען אַ ברייטע סטאַביליזאַציע פון די וויכטיגסטע דעוויזען.

די דעבאַטע איבער'ן וואַהל־פּראָיעקט צום סענאַט

וואַרשאַ, 17 (טעלעפאָניש). אין דער קאָנסטיטוציע־קאָמיסיע ביים סיים האָט הײַנט זיך אָנגעהויבען די בפרטיות'דיגע דיסקוסיע איבער'ן פּראָיעקט פון דער וואַהל־אָרדינאַציע צום סענאַט, וואָס איז אַריינגעטראָגען געוואָרען דורכ'ן בעבע־קלוב.

דעפּ. פּראַסקי האָט אין אָנהויב אָנגעוויזען, אַז וואַהל־בערעכטיגטע צום סענאַט וועט זיין אומגעפעהר 60 ביז 70 טויזענד די ציפער איז גוגע בלויז די פערדינסטפולע בירגער מיט אויסצייכנונגען. וואַהל־בערעכטיגטע מיט אַ נעהעריגען בילדונגס־צענז וועט זיין לערך 200.000 בירגער. אין דער גרופּע פון וואַהל־בערעכטיגטע אויפן יסוד פון צוטרוי מצד דער בעפעלקערונג פון יעדער טעריטאָריאַלער זעלבסטפערוואַלטונג זיין לערך 80.000 שטימען אויף ווירטשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס און פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען וועט אויספאַלען אַ צאָהל פון 50.000 וועהלער.

דעפּ. ראַטאַי מאַכט אויפמערקזאַם אויף דעם גרויסען אונטערשיד, וואָס וועט זיין אין דער צאָהל פון וואַהל־בערעכטיגטע צום סענאַט אין פערשידענע געגענדען פון לאַנד. בעת אין וואַרשאַ, למשל, וועט נויטיג זיין 196.000 שטימען אויף אויסצווועהלען איין סענאַטאָר, וועלען אין דער סטאַניסלאַוואָווער וואָיעוואָדשאַפט נויטיג זיין 736.000 שטימען אויף 1 סענאַטאָר און אין ליובלינער קאַנט 677000 שטימען. ער לעגט דעריבער פאָר צו פערקלענערן די צאָהל מאַנדאַטען פאַר וואַרשאַ אַזוי, אַז דער סענאַט זאָל צעהלען נישט 96 נאָר 93 סענאַטאָרען. די גאַנצע קאָנצעפּציע פון אָנערקענען די וואַהל־רעכט איז נישט אָננעמבאַר פאַר דער פויערן־פּאַרטיי. לויט דעפּ. ראַטאַי בעטרעפט די צאָהל וואַהל־בערעכטיגטע צום סענאַט 13 מיליאָן פערזאָן, בעת איצט וועלען קענען וועהלען צום סענאַט לערך אַ האַלבען מיליאָן בירגער. ער לעגט פאָר, אַז וועהלען צום סענאַט זאָל קאָנען יעדער בירגער, וואָס האָט געענדיגט 30 יאָהר די, וואָס האָבען פערדינסטען פאַר פּוילען, דאַרפען האָבען רעכט אויף אַ צוגאָב־שטימע. אַלס אַזעלכע דאַרפען אָנערקענט ווערען די אַלע, וועלכע האָבען פאַר'ן 11 נאָוועמבער 1918 בעקומען דעם קרייץ פון „ווירטוטי מיליטאַרי", פערדינסט־קרייץ, אַ קרייץ אָדער אונאָפּהענגיקייטס־מעדאַל ווי אויך די, וועלכע האָבען אין 1918 גענומען אַנטייל אין די קאַמפען פאַר פּוילענס נרעניצען.

דער ענדעק רימאַר האַלט, אַז אָנערקענען וואַהל־רעכט פאַר פערדינסטפולע בירגער, דאַרף מען די רעכט אָנערקענען פאַר די פערזענען פון געזעלשאַפטליכע אָרגאַניזאַציעס.

דעפּ. ניעדזשאַלקאָווסקי (פּ. פּ. ס.) פערשטעהט נישט, לויט וואָס פאַר אַ אופן עס וועלען דורכ'ן פערנאָמינירט ווערען 32 סענאַטאָרען. די פראַגע פון פערזענליכע פערדינסטען ווייזט זיך איהם אויס צו זיין אַ רעלאַטיווע זאַך. פערהאַן, זאָגט דעפּ. ניעדזשעלסקי, פיל מענשען, וועלכע אָנערקענען נישט קיין מעדאַלען. צו די האָבען געהערט בריאַן, וועלכער האָט זיין גאַנץ לעבען נישט געוואָלט צונעמען קיין אָרדער, אַזעלכער איז געווען נאַפּאָלעאָן, לענין און מיר ווייסען, אַז אויך מאַרשאַל פּילסודסקי האָט דעם ענין פון אָרדען באַגאַטעליזירט.

ס'האָבען נאָך גערעדט די דעפּוטאַטען וויערטשאַק (נ. ד.) און דעפּ. טשערניצקי (פויערן־פּאַרטיי). אַלע רעדנער האָבען צוגעזאָגט אַריינצוטראָגען אויספעסערונגען.

די קליינע אַנטאַנטע אין ראַטען־פערבאַנד

בוקאַרעשט, 17 (ספּ. טעל.) אין די רומענישע פּאָליטישע קרייזען שרייבט מען צו, אַ גרויסע בעדייטונג דער קאָנפערענץ פון דער קליינער אַנטאַנט, וועלכע דאַרף פאָרקומען אין בעלגראַד. די הויפּט־טעמאַ פון דער קאָנפערענץ וועט זיין די בעציהונג פון דער קליינער אַנטאַנט צום ראַטענפערבאַנד. מיניסטער בענעש וועט אינפאָרמירען די אויסערן־מיניסטאָרען פון די שכנות־דיגע מלוכות וועגען זיינע געשפּרעכען מיט סטאַלינען.

די היגע קרייזען קאָמענטירען אויך די פראַגען, ווי אַזוי יוגאָסלאַוויען וועט זיך בעציהען צו דער פראַגע וועגען אָנקניפּען דיפּלאָמאַטישע בעציהונגען מיט די סאָוויעטען. מען רעדט אויך וועגען דעם, אַז מיניסטאָרען פון דריי מלוכות וועלען אַרויספאָהרען קיין פּאַריז, כדי די וויכטיגסטע פראַגען אַרומצורעדען מיט'ן פּרעמיער לאַוואַל.

קאַטאַסטראָפאַלער גאַס־רעגען
אויפן אינזעל פאָרמאָזאַ

טאַיהאָק, 17 (ספּ. טעל.) מיטעל און דרום־טייל פון אינזעל פאָרמאָזאַ, וועלכע איז שוין בעריהמט געוואָרען דורך די אָפטע ערד־ציטערנישען, האָט איצט געליטען פון אַן אומגעהויערן גאַס־רעגען, וועלכער האָט אונטערגעשווענקט די באַהן־ליניעס. די קאָמוניקאַציע איז צוליב דעם איבערגעריסען געוואָרען. דאָס וואָס ער האָט אונטערגעשווענקט די הייזער, 30 הייזער זענען צוליב דער פערפלייצונג איינגעפאַלען. 1 מענש איז זאומגעקומען.

צוזאַמענשטויס פון צוויי שיפען

ניו־יאָרק, 17 (ספּ. טעל.) אין אויסגאַנג פון הייליגען וואָוזשין איז צוליב'ן געדיכטען נעפעל פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס צווישען אַ ריזיגען 40.000 טאָניגען לוקסוס־דאַמפער און אַ פראַכט־שיף פון 5000 טאָן.

אויפ'ן לוקסוס־דאַמפער, וועלכער איז געווען פול מיט פּאַסאַזשירען איז ענטשטאַנען אַ מהומה. עס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרען אַלאַרם־סיגנאַלען. על פּינם איז דער פּאַסאַזשיר־דאַמפער נאָר עטוואָס בעשעדיגט געוואָרען און קיין ערנסטע געפאַהר איז נישט פאָרגעשטאַנען. דאַגעגען די פראַכט־שיף איז צוקלאַפּט געוואָרען אויף 2 און אויפ'ן דעק איז ענטשטאַנען אַ שרפה. 3 מאַטראָזען זענען אומגעקומען.

פּוילישער יוד נאָמינירט געוואָרען אַלס דאָצענט פון זשענעווער אוניווערזיטעט

וואַרשאַ, 17 (טעלעפאָניש) ד"ר יאַנקעל אַלבין, אַ פּוילישער בירגער, מיטאַרבייטער פון אינטערנאַציאָנאַלען ערציהונגס־ביוראָ, איז דורך דער שווייצאַרישער מאַכט נאָמינירט געוואָרען אַלס דאָצענט פון פּעדאַגאָגיק אויפ'ן זשענעווער אוניווערזיטעט.

שיצען דעם פראַנק און סאַנירן די עקאָנאָמישע לאַגע פון פראַנקרייך

פּאַריז, 17 (ספּ. טעל.) אויף דער מאָרגענדיגער זיצונג פון מיניסטאָרען־ראַט וועט בעטראַכט ווערען די פראַגע וועגען אַ פעראָרדנונג פאַר'ן שוץ פון פראַנקרייך און וועגען סאַנירען די עקאָנאָמישע סיטואַציע.

פּרעמיער לאַוואַל האָט געשאַפען אַ קאָמיטעט פון עקספּערטען, כדי צו פאָרשען די פינאַנציעלע עקאָנאָמישע ווי אויך די לאַגע פון די רעגירונגס־באַהנען.

אויסערן־מיניסטער לאַוואַל קאָנפערירט

פּאַריז, 17 (ספּ. טעל.) לאַוואַל האָט אַלס אויסערן מיניסטער, הײַנט אויפגענומען די אַמבאַסאַדאָרען פון איטאַליען און ענגלאַנד און מיט זיי אָפּגעהאַלטען לענגערע קאָנפערענצען.

היטלער'ס נאָמענס־טאָג
אין עסטרייך האָט מען זיך געהיטען פאַר מאַניפעסטאַציעס

ווין, 17 (ספּ. טעל.) הײַנט איז אויסגעפאַלען דער נאָמענסטאָג פון אַדאָלף היטלער. די זיכערהייטס־מאַכט האָט אין גאַנץ עסטרייך אונטערגענומען פאָרזיכטיגקייטס־מיטלען. פונדעסטוועגען זענען געוואָרפען געוואָרען פיל אַנטי־היטלערישע פלוגבלעטער. פיל פּערזאָנען זענען אַרעסטירט געוואָרען.

אַ נייער פּאָליטישער מאָרד אין ראַטענפערבאַנד

בערלין, 17 (ספּ. טעל.) דאָס דייטשע אינפאָרמאַציע־ביוראָ מעלדעט פון מאָסקווע: אַ נייער מאָרד אויפ'ן פּאָליטישען באָדען האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק. אין נאָוואָראָסיסק איז ערמאָרדעט געוואָרען איינער פון די אַלטע פּאַרטיי־מיטגלידער, אַנטיפאָוו, אַ פיהרער פון שטאָטישען סאָוויעט. די מערדער זענען נישט פערהאַלטען געוואָרען.

אַ יוד טאָר נישט בעקומען קיין געלד פון דער נאַצי־מלוכה

קעלן, 17 (ספּ. טעל.) דאָס לאַנד־געריכט אין האַן האָט אַרויסגעגעבען אַ פעראָרדנונג, וואָס פערוועהרט יודישע אַדוואָקאַטען אַמטליך צו פערטיידיגען אָרימעלייט אויפ'ן חשבון פון דער מלוכה. דער מאָטיוו איז, אַז אַ יוד דאַרף נישט בעקומען קיין געלד פון דער נאַצי־מלוכה.

גרויסע שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע אין רומעניען

בוקאַרעשט, 17 (ספּ. טעל.) דאָ איז ענטדעקט געוואָרען אַ גרויסע שפּיאָנאַזש־אָרגאַניזאַציע לטובת אונגאַרן.

וועלט־קאָנפערענץ פון יודישע קריגס־בעטייליגטע

פּאַריז, 17 (ספּ. טעל.) אין פּאַריז קומט פאָר אַ וועלט־קאָנפערענץ פון די געוו. יודישע קריגס־בעטייליגטע, מצד פּוילען בעטייליגט זיך אַ דעלעגאַציע אונטער דער אָנפיהרונג פון פּראָטשניק י. ברעגמאַן.

פראַנצויזישע באָמבען־אעראָפּלאַנען וויזיטירען ענגלאַנד

פּאַריז, 17 (ספּ. טעל.) הײַנט פריה זענען אָפּגעפלויגען אויף אַ וויזיט אין ענגלאַנד 4 באָמבען אעראָפּלאַנען. די פראַנצויזישע אָפיצירען וועלען שטודירען די ענטוויקלונג פון ענגלישען פליה־וועזען.

עסטרייכישער אינערן־מיניסטער אין בודאַפּעשט

בודאַפּעשט, 17 (ספּ. טעל.) דער עסטרייכישער אינערן־מיניסטער פעי איז הײַנט אָנגעקומען קיין בודאַפּעשט אויף אַ לענגערען בעזוך.

שטורמישע אומרוהען אין אירלאנד

לאנדאן, 17 (ספ. טעל.)
אין דער הויפט־שטאט פון אולסטער, אין בעל־פאס זענען ווידער אויסגעבראכען אומרוהען. אויף די גאסען פון יארק איז געקומען צו בלוטיגע צוזא־מענשטויסען, וואס זענען ארויסגערופען געווארען דורך די אירלענדישע רעפובליקאנער. צוויי פרויען, וואס זענען דורכגעגאנגען די גאס, זענען שווער פער־וואונדעט געווארען פון 2 רעוואלווער־שאסען. אויף אנ'אנדערער גאס זענען אויך געשאסען געווארען צוויי פערזאן.

די געשעהענישען זענען ליקווידירט געווארען דורך דער פאליציי, וועלכע איז געקומען מאכען „ארדנונג" אין פאנצער־אויטאס.

די שטורם־אפטיילונגען ווערען אינגאנצען ליקווידירט

בערלין, 17 (ספ. טעל.)
אין באד־שאנדאו קומט פאר זינט איניגע טעג א צוזאמענפאהר פון העכערע אנפיהרער פון די שטורם־אפטיילונגען אין גאנץ דייטשלאנד. דער צוזאמענפאהר האלט אפ זיינע בעראטונגען אונטערן פארזיץ פון הויפט־אנפיהרער פון די שטורמיסטען לוטצע.

הגם דער צוזאמענפאהר ווערט אפיציעל בעצייכענט אלס „אפעל פון די שטורמיסטען־פיהרער", איז עס א סוד פאר אלעמען, אז דער צוזאמענפאהר איז דאס שוואנען־ליד פון דער אמאל אזוי שטאר־קער פארטיי־ארמעע, וועלכע האט ארויפגעטראגען היטלער'ן אויף די העכסטע שטאפלען פון מאכט און האט געבראכט צו דער ענטשטעהונג פונם היינטיגען „דריטען רייך".

די הויפט־אויפגאבע פון דעם שטורמיסטען־צו־זאמענפאהר איז, לויט גוט־אינפארמירטע קוועלען, די פולשטענדיגע ליקווידאציע פון די לעצטע רעשט־לעך פון די שטורם־אפטיילונגען. מ'דארף בעמער־קען, אז פון די אנדערטהאלבען מיליאן שטורמיס־טען איז היינט צו טאג פארהאן אין גאנץ דייטשלאנד בלויז 200.000. פון טאג צו טאג פאלט זייער צאהל צוליבן פערשטארקען זיך פון דער השפעה פון די מיליטערישע ספערען.

די ליקווידאציע פון די שטורם־אפטיילונגען זאל פארקומען אין משך פון איינציגע חדשים. אין שיי־כות דערמיט ריכט מען זיך אין די פאליטישע קריי־זען פון דייטשלאנד אויף ערנסטע רייבונגען אין דער נאצי־פארטיי.

KOLEKTURA
S. Mendelsona
Nowomiejska 4, tel. 246-95
עמפפעהלט די איבערגעבליבענע צאהל גליקליכע לאסען צו דער 1־טער קלאס.
די ציהונג — שוין מארגען!

פונאנדערגעלאזט די יודישע קהלה אין ווילנא

ווילנא, 17 (טעלעפאניש)
דער שטאט־סטאראסטא האט היינט פונאנדער־געלאזט די פערוואלטונג פון דער יודישער קהלה און קהלה־ראט אין ווילנא. גלייכצייטיג איז בע־שטימט געווארען א צייטווייליגע פערוואלטונג פון 15 פערזאן מיט'ן רב רובינשטיין אין דער שפיץ.

די קהלה איז פונאנדערגעלאזט געווארען אלס רעזולטאט פון אנ'אדורכגעפיהרטער לוסטראציע פון דער פינאנציעלער ווירטשאפט פון דער קהלה.

די קהלה־קאדענץ אין ווילנא האט זיך פער־ענדיגט מיט 3 יאהר צוריק.

קויף א לאס
צו דער 1־טער קלאס
אין פיינגאלד'ס
גליקליכע קאלעקטור
8 שרודמיעסקא 8
וואו עס פאלען שטענדיג פיל געווינסטען
I. A. FAJNGOLD
Łódź, Śródmiejska 8, tel. 108-99

אויספלוגען קיין פאלעסטינע
פון 630.— זל. אן
ארגאניזירט
„ארביס" פיעטריקאווער 18, טעל. 49-33
אויך הנחה־פעסער קיין טשעכא־סלאוואקיי און יוגאסלאוויען.

CIECHOCINEK
WILLA CASINO
UL. WIDOK
Wysoko położona, nowoczesna, skanalizowana willa, ładne pokoje,
B. BLISKO ŁAZIENEK.
CENY PRZYSTĘPNE.
W bieżącym sezonie pod zarządem właścicielki.

זאל פילהארמאניע — נארוטאוויטשא 20 — דאנערשטאג, דעם 20/6 — 8.30 אווענד קומט פאר — ציוניסטישע ארגאניזאציע אין לאדז
א גרויסע פאלקס־פערזאמלונג
אויף וועלכער
דעפ. יצחק גרינבוים
מיטגליד פון דער ציוניסט. עקזעקוטיווע און לייטער פון עליה = דעפארטאמענט פון דער יודישער אגענץ אין ירושלים
וועט ארויסטרעטען מיט א רעפעראט א.ד.ט.
„אין קאמף פאר'ן קאנסטרוקטיווען ציוניזם"
(די לאגע אין ציוניזם און אין ארץ־ישראל פאר'ן 19־טען ציוניסטישען קאנגרעס)
בילעטען צום פרייז פון 60 גר. ביז 2 זל. צו בעקומען אין ביורא פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, שרודמיעסקא 29, און אין טאג פון דער פערזאמלונג — פון 5 נאכמ. אין קאסע פון פילהארמאניע.

Dr. med.
H. RÓŻANER
ספעציאליסט פאר הויט, ווענערישע און סעקסועלע קראנק.
Narutowicza 9
tel. 128-98
נעמט אן פון 9—1 פארמ. און פון 5—9.

FABRYKA TASIEM MIERNICZYCH
dla przemysłu włókienniczego
A. J. OSTROWSKI S-cy
ŁÓDŹ, PIOTRKOWSKA 55, tel. 203-54.
דערמיט מאכען מיר בעקאנט, אז מיט'ן היינטיגען טאג האבען מיר פערקלענערט דעם פרייז אויף די 2־קאלירינע מאס־בענדער אין מעטערס און בעטרעפט
יעצט 8 גראשען פאר 100 מעטער.
גלייכצייטיג מאכען מיר העפל. בעקאנט, אז מיר פאבריצירען אויך מאס־בענדער אויף יארדען פאר ספעציעל־איינגעפיהרטע מאשינען.

א מיליאנער
קענסטו ווערען, קויפענדיג א לאס אין דער באמת גליקליכער קאלעקטור פון
I. H. Littman
פיעטריקאווער 32
לעצטענס זענען געפאלען ביי אונז:
300.000 זל. אויף № 42630
300.000 זל. אויף № 26014
און א סך, א סך געווינסטען צו 50.000 זל., 15.000 זל., 10.000 זל., 5.000 זל. א. ז. וו.
די ציהונג קומט פאר מארגען, דעם 19. יוני
כל הקודם זוכה!

נאר פאר מענער!
דער לאנג־עקזיסטירענדער לאדזשער ערשט קלאסיגער ספעציאליסט פון הויזען איז צוריקגעקומען פון פאריז.
ווער עס וויל טראגען הויזען לויט דער לעצטער מאדע דארף זיך ווענדען נאר צו דעם ספעציאליסט פון הויזען.
B. FAJWLEWICZ אלעע 1. מאי 2, פראנט, 1. שטאק
קומט און איבערצייגט אייך — רעקלאמע פרייזען!

ווערקשטאט פון שירמס און שפאציר־שטעקענס
ס. פייגענבוים
לאדז, נארוטאוויטשא 19
עמפפעהלט אין א רייכען אויסוואהל פון קאלירטע דאמען־ און מענער־שירמס און שטעקענס צו קאנקורענץ־פרייזען.
נעמט אן אלערליי רעפאראטורען פון שירמס און שטעקענס.

Dr. med.
Leon Familier
אינערליכע און קינדער־קראנקהייטען
6. שערפיגע 37 (בענעדיקטא)
נעהמט אן פון 5—7 נאכמ.

Dr. med. D. Frid
אינערליכע קראנקהייטען
האט זיך איבערגעצויגען
אויף זאוואדזקא 16a
פראנט 1 שט. טעל. 224-78
נעמט אן פון 9—10 און פון 5—7 אוו.

פאר גאלד,
בריליאנטען
און לאמבארד־קוויטעס
צאהלט די העכסטע פרייזען
אליזאר פיאלקא
פיעטריקאווער 7.

לעצטער קלונג.
די ציהונג פון דער ערשטער קלאס פון דער 33־טער לאטעריע הויבט זיך אן מארגען. די, וועלכע האבען ביז איצט זיך נישט געקויפט קיין לאס, האבען נאך צייט צו פרובירען זייער גליק. א לאס איז די לייכטסטע וועג צו פערבעסערען זיין לאגע. ווער עס פערזוימט די געלעגענהייט, קען עס שפעטער בעדויערן.

ביי דער באשטימונג פון א לאס האט א גרויסע בעדייטונג פון וועלכער קאלעקטור מען קויפט דעם לאס, ווייל ניט אלע קאלעקטורן זענען גליקליך. אבער א געוויסע פערגלייכונג איז ריזיקאליש.

שוין אויסטיידענדיג דעם פאקט, אז די גרויסע נאכפראגע קען ברענגען צום פאל, אז מען זאל אויספעהלען לאזען, דארף מען נישט פער־געסען, אז דאס איינציגע פערשפעטיגונג צו אבגעמען א לאס איז דער הויפט־מקור פון פערשידענע שוועריקייטען, אויב מען קען אנ־טרעפען בעם רעאליזירען דעם געווינס.

ווער עס בעזיצט א לאס, דער קען רוהיג קוקען אין דער צוקונפט און ווארטען, וואס די פארטונע קען איהם ברענגען ער איז זיכער, אז ער וועט נישט זיין אויסגעשטעלט אויף פער־שידענע מיספערשטענדנישען און. אין פאל פון א געווינס, וועט ער תיכף בעקומען די געהע־ריגע סומע.

זאל זיך יעדער איינער נאך היינט זיך אפלען אין קאלעקטור און פערזיכערן זיך אנ־טייל אין דער מארגענדיגער ציהונג. —

לאדזשער יודישער לאקאטארען און סובלאקאטארען־פעראיין
געפינט זיך
אויף פיעטריקאווער 31, וו. 22
טעל. 264-38
דער סעקרעטאריאט איז טעטיג טעגליך, פון 6 ביז 9 אווענד. ס'ווערען געשריבען בקיטעס ערטיילט עצות, אויסגעגליכט סכסוכים און געפיהרט כל־ערליי דירות און עקסמיסיע־פראצעסען.

בעזייטיגען דעם שוויים
קענט איהר נאר ווען איהר וועט נוצען דעם שוין אויסגעפרובירטע עכטען פראשעק
„ראדיקאל"
צום פרייז 30 און 20 גראשען
וואס איז נאר צו בעקומען פיט צייטונגס־פערקויפער העלעניארוש עלטשטאט 1 און צעגעלניאנא 1 קויפט נישט די ביליגע נאכגעמאכטע, וואס ברענגט נאר שאדען. — אויך צו בעקומען צו אטשיגמעס און צו וואשען. געדענקט דעם אדרעס

Inż. A. RUSSAK
געשוואוירענער איבערזעצער
פאר די פראנצויזישע, רוסישע, יודישע און העברעאישע שפראכען
(אין בעצירק פון אפעלאציע־געריכט)
נארוטאוויטשא 47, טעל. 245-08.
די קאנצעלאריע ערלעדיגט אויך דאקו־מענטען אין דייטש, ענגליש, איטאליעניש.

אויטאגענישע שווייסונגען
מעטאל־בעארבייטונגען
שלאסערי־ארבייטען
מאשינען־טיילען
און ווערקצייג
פירט אויס ביליג
J. REDER, Łódź
11־טער ליסטאפאד 11-13

אויערען, נאז און האלז קליניק
מיט בעטען פון Dr.
Z. Rakowski
פיעטריקאווער 67, טעל. 127-81
נעהמט אן שטענדיגע קראנקע (צוויי־אפעראציע א. ז. וו.), ווי אויך אמבולא־טארישע פון 9—2 און פון 4—8 אוונט

Dr. med.
MARJA KOHNOWA
געוו. ארצט פון אויגען־קליניק אין וויען
ספעצ. פאר אויגען־קראנקהייטען
לאדז, פילסודסקיעגא 51
טעל. 170-03
נעהמט אן פון 1—12 און פון 4—6 נאכמ.

לעטשניצע
פון דאקטוירים־ספעציאליסטען
זגערזשער 17
טעל. 116-33
רענטגען־גאבינעט
ווענעראלאגישעס אמבולאטאריום
פון 9 פריה ביז 8 א זייגער אוונט.
וויזיט 3 זל.

Dr. med.
Haltrecht
ספעציאל־ארצט פאר הויט־און געשלעכטס־קראנקהייטען
פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21
נעמט אן פון 11 פריה ביז 2 מיטאג און 5—9 אוו.
זונטאג פון 10—1 מיטאג
אלע ארט אנאליזען.
פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע־פרייזן פאר פרויען א ספעציעלער ווארטע־זאל.

דער אני-מאמין פון היטלער=רעזשים

אין דער רעדע פון מיניסטער געבעלס וועגן „אונצופרידענע קרייזען"

בערלין, 17 (ספ. טעל.)

דער פראפאגאנדע־מיניסטער געבעלס האט אין א רעדע אויף א נאציאנאל ־ סאציאליסטישער פערזאמלונג אין הארבורג, זעהר שארף אנגעגריפען די „אונצופרידענע קרייזען".

איך האב מוט — האט געזאגט מיניסטער געבעלס — זיך מודה צו זיין נישט בלויז צו אונזערע בצחונות, נאר אויך צו אונזערע פעהלערן. דער יונגער נאצי־רעזשים, וועלכער קאן, נעבען די גרויסע זיגען אין דער איגערליכער פאליטיק, ארויסווייזען זיך מיט׳ן דערגרייכען נאציאנאלע סוווערעניטעט, האט אויך רעכט צו בעגעהן פעהלערן.

אין ווייטערדיגען טייל פון זיין רעדע האט דער מיניסטער געלעגט דעם טראפ אויף דער נויטוועגדיגקייט איינצוהאלטען, נעבען דער ארמעי, אלס קראפט פאר איגערליכער שוץ, אויך די נאציאנאל־סאציאליסטישע פארטיי, וועלכע דארף אפהיטען דאס פאלק פאר א בירגער־קריג.

די ארמעי און די פארטיי בילדען די 2 פילארען, אויף וועלכע עס שטיצט זיך די נאציאנאל סאציאליסטישע מלוכה.

דער „שווארצער פראנט" ארבייט אין דייטשלאנד

בערלין, 17 (ספ. טעל.)

דער פאלקס־טריבונאל האט פער׳משפט צו 8 און 3 יאהר תפיסה צוויי אנהענגער פון דער אונלעגאלער ארגאניזאציע „שווארצער פראנט", וואס ווערט פון אויסלאנד אנגעפיהרט דורך אטא שטראסער׳ן. די פער׳משפטע האבען פון טשעכיען געשמוגעלט און פערשפרייט צווישען די קרייזען פון שטראסער׳ס געהיימער ארגאניזאציע דעם אנטי־היטלערישען ביולעטין.

ערב דעם ציוניסטישען קאנגרעס

קאנגרעס-לייטער אנגעקומען קיין לוצערן

גענף, 17 (יט"א טעלעגראפיש)

קיין לוצערן איז שוין אנגעקומען דער לייטער פון דער קאנגרעס ביורא, וועלכער מאכט די נויטיגע פארבערייטונגען צו דער קאנגרעס עפענונג.

יודענשטאאטס=פארטיי רופט א סעסיע פון פארטיי-ראט

ווארשא, 17 (יט"א טעלעפאניש)

די יודענשטאאטס-פארטיי רופט אויפען קומענדיגען דאנערשטאג אנ׳אויסערגעוועהנליכע סעסיע פון פארטיי ראט.

נאך נישט געקומען צו א פעראייניגונג

אויפן צוזאמענפאהר פון אלג. ציוניסטען אין קראקא

קראקא, 17 (יט"א טעלעפאניש)

אויפן אלוועלטליכען צוזאמענפאהר פון די אלגעמיינע ציוניסטען איז נאך צו קיין איניגונג נישט געקומען. ס׳איז געווארען א פער־שטענדיגונגס=קאמיסיע אין וועלכער ס׳זענען אריין פארשטעהער פון ביידע צדדים, די ענגלישע פערע ראציע פארערס, נישט צו זיין געבונדען אין דיס ציפלין פראגען.

רוסישע פרויען געשלאגען וועלט-רעקארד

פון הויך-שפרינגען

מאסקווא, 17 (ספ. טעל.)

6 פרויען ניקאלאיעווא, בראכלין, יאקאוולעווו, בארצעוו, באבושקין, מאלינאווסקא זענען היינט איבער מאסקווא אראפגעשפרונגען פון פאל־שירעמס פון א הויך פון 6700 מעטער, שלאגענדיג דערמיט דעם וועלט־רעקארד פון דער סטודענטין פיאָדאראווא, וועלכע איז געשפרונגען פון א הויך פון 6350 מעטער.

ווענדונג פון רייכספערבאנד פון דייטשע יודען

צו די יודישע פאבראוועצעס

בערלין, 17 (יט"א טעלעגראפיש)

דער רייכספערבאנד פון די דייטשע יודען האט פערעפענטליכט א קאמוניקאט, אין וועלכען מ׳רופט די יודישע יונגעלייט אין פאבאר-עלטער, הגם זיי ווערען נישט גערופען צו אקטיווען מיליטער=דינסט, זאלען זיי זיך מעלדען צו די פאבאר־קאמיסיעס, כדי זיי צו רעגיסטרירען אין דער פרזאך-רעזערוו נומ. 2.

מארגען — ציהונג!

נאך היינט קויף א לאס
איז דער גליקליכער קאלעקטור פון
J. WOLANOW
לאדז, פיעטריקאווער 11 און 72.
פאביאניץ, פל. דאמבראווסקי 3
קאנטא P. K. O. 141795
געדענק! וואלאנאוו מאכט רייך!

ארום די ים-אונטערהאנדלונגען

פראנצויזישע און איטאליענישע שטעלונג וועגען די ים-געשפרעכען מיט דייטשלאנד

לאנדאן, 17 (ספ. טעל.)

די צייטונגען מעלדען, אז פראנקרייך און איטאליען וועלען דינסטאג ענטפערן אויפ׳ן ענגלישען קאמוניקאט בנוגע די ים־געשפרעכען מיט די דייטשען. „טיימס" בעמערקט, די ענטפערס פון ביידע גרויס־מאכטען וועלען זיין כמעט אידענטיש.

דער פונאנדערבוי פון ענגלישען קריגס-פלאט

לאנדאן, 17 (ספ. טעל.)

דער ים־קארעספאנדענט פון „דיילי טעלעגראף" דערגענצט זיין שבת׳דיגע מיטטיילונגען וועגען פראגראם פונאנדערצובויען דעם ענגלישען פלאט. אין די ראהמען פון 4־יעהריגען פלאן וועט ענגלאנד אויפבויען 5 גרויסע קריגס־שיפען. אין 1937 וועלען זיין אויפגעבויט 2 פאנצער־קרייצערס און אין 1939 וועלען נאך 2 פאנצער־קרייצערס אראפגעלאזט ווערען אין וואסער אריין.

ענגלישע לופט- און ים=מאנעווערס

לאנדאן, 17 (ספ. טעל.)

עס קומען־איצט פאר גרויסע קאמבינירטע מא־נעווערס פון דער ענגלישער בעוואפענטער מאכט אויפ׳ן ים, אויף דער יבשה און אין דער לופט.

נעבען טינעסידע אין שאטלאנד ווערט דורכגעפיהרט איבונגען, וועלכע פערקערפערן דעם קאמף הינטער זעעבריד און אין גראפענטום קארנאוואל. אין אועלס ווערען די איבונגען דורכגעפיהרט לויטן מוסטער פון דער שלאכט הינטער גאליפאלי.

—=—

טראנספארטען קיין ארץ־ישראל ערלעדיגט אמשנעלסטען דירעקט
Przedborski, Kolner i S-ka Łódź, Sienkiewicza 6
tel. 247·75
מיר ערטיילען אומזיסט אלערליי אינפארמאציעס.

די ענדעקעס ווילען נישט בעשטעטיגען קיין ארבייטסלאזע

זיי וועלען נישט שטימען פאר דער הלואה. — וואס וועט מען טוען פאר דער 10־מיליאנענדיגע הלואה? — אלע איבריגע פראקציעס פאר דער הלואה

נעכטיגע זיצונג פון דער בודזשעט-קאמיסיע ביים שטאט-ראט

נעכטען אין אווענד איז פארגעקומען א זיצונג פון דער פינאנץ־קאמיסיע ביים שטאט־ראט. אויף דער טאג־ארדנונג האט זיך געפונען די פראגע פון דער הלואה פון 10 מיליאן זל., וועלכע דער קאמיסאר וויל נעהמען אויף אינוועסטיציע־צוועקען.

ביים עפענען די זיצונג האלט דער קאמיסאר וואיעוואודזקי א לענגערן רעפעראט וועגען דעם, וואס פארא ארבייטען די שטאט־פערוואלטונג וויל אויספיהרען פאר דער הלואה. לויט דעם דאזיגען רעפעראט זענען פון די וויכטיגסטע ארבייטען, וואס די שטאט־פערוואלטונג וויל אויספיהרען אין היינטיגען יאהר פאלגענדע: איינקויפען 2 נייע פאגאטאוויע־קארעטקעס, אויסבויען 2 עפענטליכע אונטערערדישע קלאזעטען אויפ׳ן גרינעם מארק און אין שענקעוויטש־פארק. אויספארטיגען די קאנאליזאציע, פאר־סירען די וואסער־לייטונגס ־ ארבייטען, רעגולירען די טייכען ארום לאדז, אויסבעסערן די ברוקען, אי־בערבויען דעם ברוק אויף דער גאנצער פעטריקאווער גאס, אפשאפען דעם טונעל און אויסבויען א בריק אויף דער טראמוואיאווע גאס, אויסלעגען מיט אס־פאלט־שטיינער דעם גרינעם־מארק און די קאשטשושקי גאס, איינארדנען דעם פרייהייטס־פלאץ ארום דעם קאשטשושקי־דענקמאל, בויען נייע שולען און רעמאנטירען די אלטע, איינארדנען א געזונדהייטס־צענטער אויף גדאנסקא גאס, רעמאנטען און אינוועס־טיציעס אין די שפיטאלען, אויסקויפען דאס ראדא־גאשטשער שפיטאל (100 טויזענד זל. די ערשטע ראטע) און אנדערע ארבייטען.

די אלע ארבייטען אין יאהר 1935 דארפען קאס־טען 10.421.000 זל. פון ארבייטס־פאנד און פון אנ־דערע קוועלען בעקומט דערויף די שטאט־פערוואל־טונג א סומע פון 5 מיליאן 814 טויזענד זל. אזוי, אז פון דער הלואה וועט מען אויפ׳ן היינטיגען יאהר דארפען צונוצען אנ׳ערך 4.606.000 זל. דאס פער־בליבענע געלד וועט פערווענדעט ווערען אויפ׳ן בודזשעט־יאהר 1936־37.

נאכ׳ן רעפעראט פון קאמיסאר וואיעוואודזקי קענען זיך די ענדעקעס נישט קיין עצה געבען זיך ארויסצוזאגען נעגען דער הלואה קענען זיי נישט, ווייל דורך דער הלואה וועלען טויזענדער ארבייטס־לאזע קענען בעקומען ארבייט און דעריבער האבען זיי מורא פאר זייערע מאסען, שטימען פאר דער הלואה קענען זיי אויך נישט, ווייל זייער שטאט־פערוואלטונג איז נישט בעשטעטיגט געווארען און דעם קאמיסאר ווילען זיי נישט געבען אזא סומע אין דער האנד אריין. דעריבער האבען די ענדעקעס געפרובט אפצושלעפען די זיצונג מיט פערשידענע פראגען און ערקלערונגען. צום סוף האבען זיי גע־שטעלט א קאנקרעטען פארשלאג אפצולעגען דאס בעטראכטען די פראגע פון דער הלואה אויף א ווייטערדיגער זיצונג.

קאמיסאר וואיעוואודזקי האט ערקלערט, אז וועגען דעם קען קיין רייד נישט זיין, ווען אפילו די ענדעקעס וועלען בעשליסען אפצולעגען די פראגע, וועט ער זי סיי ווי סיי שטעלען אויף דער פלענאר־זיצונג פון שטאט־ראט, וועלכע קומט פאר היינט אין אווענד, ווייל די הלואה האט א וויכטיגע בעדייטונג פאר דער שטאט, וועלכע וועט בעקומען נייע אינוועסטיציעס און מ׳וועט קענען בעשעפטיגען א גרויסע צאהל ארבייטסלאזע.

דער פארשטעהער פון די סאציאליסטען, ראטמ. וואלטשאק, פון „בעבע" — ראטמ. בארוצקי, פון די פעראייניגטע יודישע פראקציעס — ראטמ. זיידע און פון די כ. ד. זאגען זיך ארויס פאר דער הלואה און־געגען אפלעגען די פראגע.

די ענדעקעס בעטען א הפסקה. נאך דעם איבער־רייס ווערט דער ענדעקישער פארשלאג אפגעשטימט. 7 ענדעקעס זאגען זיך ארויס פאר אפלעגען דעם ענין פון דער הלואה, זעקס געגען דעם. נישט קוקענדיק דערויף וועט דער קאמיסאר דאך שטעלען די פראגע אויף דער טאג־ארדנונג פון דער היינטיגער שטאט־ראט זיצונג.

* * *

נאך דער נעכטיגער זיצונג פון דער קאמיסיע ווערט די היינטיגע זיצונג פון שטאט־ראט ערווארט מיט שפאנונג. ס׳איז אינטערעסאנט ווי אזוי די ענ־דעקעס וועלען זיך אנ׳עצה געבען ביי דער אפשטי־מונג פון בודזשעט און דער הלואה.

ווי מיר דערוויסען זיך וועט דער פערוואונדעטער ראטמ. נוטקעוויטש ווידער נישט קומען צו דער היינ־טיגער זיצונג, ווייל זיין געזונד־צושטאנד האט זיך פערערגערט.

טעאטער „ראזמאיטאשטשי" ציגעל-גאס 27, טעל. 112-25
דיר. דוד צעלמייסטער.

לעצטע 3 גאסטשפילען פאר׳ן אפפאהרען קיין אמעריקא פון
זינא גאלדשטיין
נאך היינט לעצטע 2 טעג! און מארגען!
פרייזען אלע בילעטען אין פארטער נאר 1 זל. ערשטע רייה
די גלאנצענדע קאמישע אפערעטע
מעלאדיש און קאמיש
זי האט ליב!..
אין 2 אקטען מיט א פראלאג און עפילאג פון דושיקאב
דאנערשטאג, פרייטאג און שבת לעצטע געזעגנונגס-גאסטשפ. פון זינא גאלדשטיין
בעטייליגונג פון איהר אמאליגען גרויסען שלאגער „א מיידעל צו אלע..."
אין 3 אקטען מיט געזאנג און טענץ. א ים קופלעטען, דועטען, טערצעטען און קווארטעטען.
פיל נייע טריקען —::— מאלווען פון געלעכטער!

אין קאלומנא
איז צו בעקומען טעגליך
— דאס —
„נייע פאלקסבלאט"
ביי זאנדמאן, סאדובסקא 8
ווילע זשעלינסקי

Dr.
Wołkowyski
האט זיך איבערגעצויגען אויף
ציגעל=גאס 11, טעל. 238=02
נעמהט אן אין הויט- און ווענערישע
קראנקהייטען, מענער=שוואכע
פון 8—11 בייטאג און פון 4—9 אווענד

Doktór
Z. Henrykowski
ספעציאל-ארצט פאר ווענערישע
הויט-קראנקהייטען און מענער-שוואכע
וואוינט יעצט
9 טראוגוטא 9
טעל. 262-98
נעמהט אן פון 8—11 און פון 6—9 אווענד.
פאר פרויען א ספעצ. ווארטע-זאל

Dr. REICHER
פאלודביאווא 28, טעל. 201=93
ספעציאליסט
פאר מענער=שוואכע=בעהאנדלונג,
סעקסועלע בעראטונגען און פסיכא-אנאליזען
נעמט אן פון 8—11 און פון 5—8 אווענד

לאָדז, 18 יוני 1935

„נייער פאָלקסבלאַט"

לאָדז, 18 יוני 1935

פּוילישע דעמאָקראַטישע יוגענד נעהמט איבער די לאָזונגען פון די ענדעקעס

אין דעם קאָנסערוואַטיווען „טשאַס" איז פערעפענטליכט אַנ'אַרטיקעל אונטערן קעפּעל „דער סוף פון דער דעמאָקראַטיע". אין אַרטיקעל ווערט אָנגעוויזען אויף דער גרויסער ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אפילו אין דער פוילישער דעמאָקראַטישער יוגענד בנוגע די יודען אין פוילען. די צייטונג ציטירט פון א פּעריאָדישע צייטשריפט פאַר דער יוגענד פאָלגענדע געדאַנקען:

„די פוילישע מלוכה איז דאָס ווערק פון פוילישען פאָלק.... דער אַנטייל פון די בערקע יאָסעלעוויטשעס אין די אונאָפּהענגיגקייטס קאַמפען געהערט אָהן שום ספק צו די פּאָזיטיווע געשעהענישען, אָבער דאָך אַזוי זעלטענע, אַז די געהעריגע מאָס פון זייער גרויס קען זיין העכסטענס די מאָס, וואָס מען ווענדט אָן צום אַנטייל פון די פּאָלאַקען אין די אונגאַרישע אונאָפּהענגיגקייטס קאַמפען, אָדער אין לעגען די פונדאַמענטען צו דער מלוכהשאַפט פון די פעראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקאַ.

די צאָהל פון דריי מיליאָן יודען אין פוילען, איז, ווי מען זאָל עס נישט נעהמען אַנ'אומנאָרמאַלע ערשיינונג און דראָהט מיט קאָנפליקטען.

בנוגע די יודען האָט די אַסימילאַציע פערפיהרט און וועט מסתמא אויך ווייטער פערפיהרען און דאָס צוליב צוויי סיבות: ערשטענס, ווייל עס איז נישט מעגליך קיין מאַסען - אַסימילאַציע, נאָר א ספּאָראַדישע, און צווייטענס, ווייל מייסטענס איז די אַסימילאַציע נאָר א פּלומרשטע ריין אויסערליכע.

עס איז כאַראַקטעריסטיש דער נישט געהעריגער פערהעלטניש פון די צאָהל יודען אין די פרייע פּראָפעסיעס, וואָס דריקט זיך אָפּ אויס אין דער צאָהל מעסיגער איבערמאַכט — אפילו אין דער מלוכה און זעלבסטפערוואַלטונגס, אַדמיניסטראַציע, הגם דאָ ווערען זיי לעצטענס געהאַמעוועט".

צו די דאָזיגע געדאַנקען פון דער יוגענד צייטשריפט בעמערקט דער „טשאַס" פאָלגענדעס:

„ווי-מיר זעהען, פון אָנהויב ביז צום סוף קלינגט עס אַזוי ווי אין די צייטשריפטען פון דער ענדעקישער יוגענד. מיר האָבען א פעסטשטעלונג פון דער העכער שטעלונג פון פוילישען פאָלק, זיין פּרימאַט בנוגע דער מלוכה, פערשווינדענד קליינע — אין בעסטען פאַל — „מלוכה'שע פערדינסטען" פון די יודען, דערפאַר אָבער זענען זעהר גרויסע שטערונג אַלס אַנ'עלעמענט אין פוילען. דאָס אונטערשטרייכען די ראַסען פרעמדקייט, די בעהערשונג פון די פרייע פּראָפעסיעס א. אז. וו. מיר נעהמען אין דעם אַלעם נישט קיין שטעלונג, נישט פּראָ און נישט קאָנטראַ די דאָזיגע טעזען; מיר ציטירען זיי נאָר דעריבער, ווייל די צייטונג, אין וועלכער זיי האָבען זיך בעוויזען איז נישט קיין ענדעקישע".

דאַן געהט איבער דער „טשאַס" צו ציטירען א ווייטערדיגע רייה געדאַנקען פון דערזעלבער צייטשריפט:

„פּאַלעסטינא, דאָס אויסגע'חלומ'טע לאַנד פון די ציוניסטען, ווייזט אַרויס צו זיין אויפנאַהמס־פעהיגער, ווי מען האָט זיך פאַרגעשטעלט...

עס עקזיסטירען דעריבער רעאַלע מעגליכקייטען פון א שטופּענווייזע לעזונג פון די יודען־פראַגע אין פוילען דורך א אָרגאַניזירטער עמיגראַציע און אַזוי אַרום דערפיהרען צו א נאָרמאַלען צאָהל פערהעלטניש פון די יודען אין פוילען.

עס שטעלט זיך דעריבער די פראַגע, צי א קאָנסעקווענטע און פּאָזיטיווע ציוניסטישע פּאָליטיק פון דער מלוכה, וואָס שטרעבט אויפריכטיג צו אונטערשטיצען די יודען אין זייערע מלוכה'שע אַמביציעס, ליגט נישט אין די אינטערעסען פון ביידע צדדים פון פוילען, ווי אויך פון דער יודישער מינדערהייט".

ציטירענדיג די דאָזיגע געדאַנקען קומט דער „טשאַס" צום אויספיהר, אַז די דעמאָקראַטיע האָט פולשטענדיג באַנקראָטירט. „ווער עס לייענט" — שרייבט די צייטונג — „בונט מלאָדיך", „פּראַבלעמי" אָדער „מישל מאַצאַרסטוואָווא" ווייסט, אַז די דאָזיגע אַנשויאונגען ענטשפּרעכען מעהר אָדער ווייניגער, די אַנשויאונגען פון די רעכטע פּראָ־רעגירונג יוגענד־גרופּירונגען, וואָס רוקען אַרויס די פאָדערונג צו שטעלען זיך אויפען באָדען פון ציוניזם, אַנערקענען דאָס יודענטום אַלס בעזונדער פאָלק. פּאַלעסטינא, אַלס זיין קינפטיגע מלוכה און קאָלאָניזאַציע לאַנד, ווייטער דאָס קולטורעלע אָפּטיילען פון די יודען אין פוילען.

די ערשטע געדאַנקען, וואָס זענען ציטירט געוואָרען אין אָנהויב אַרטיקעל האָבען זיך אָבער נישט בעוויזען אין אַנ'ענדעקישער צייטונג. די לעצטע ווידער זענען נישט ערשינען אין א צייטונג פון דער סאַנאַציע - יוגענד. די געדאַנקען זענען ערשינען אין צייטונגען פון פערבאַנד פון דער פוילישער דעמאָקראַטישער יוגענד. ווער עס איז נישט בעקאַנט מיט די בעדינגונגען אויף די אוניווערזיטעטען, זאָגט דאָס נישט קיין סך. ווער עס קען זיי אָבער יאָ, פאַר דעם צייכענען זיי א טיפּע ליניע פון ענדערונגען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין דער יוגענד.

דער פערבאַנד פון דער פוילישער דעמאָקראַטישער יוגענד איז באמת געווען דער פאָרשטעהער פון דעם, וואָס מען רופט אָן דעמאָקראַטיע. ער איז געווען דער רעפּרעזענטאַנט פון די אידעאַלאָגישע לאָזונגען פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע. ער האָט רעפּרעזענטירט די אונבעריהרליכע דעמאָקראַטיע, אַזוי ווי מען פערשטעהט דאָס נאָך ביז היינט אויף מערב.

אָבער די אַלע אויבען אויסגערעכנטע געדאַנקען שטעהען אין א בולט'ער סתירה צו דער דאָזיגער דעמאָקראַטיע. מען האָט קריטיקלאָז אָנגענומען די ענדעקישע טעזע, אַז די פוילישע מלוכה האָט אין דער פערגאַנגענהייט געשאַפען דאָס פאָלק: די מלוכה איז אין די צייטען פון דער פּיאַסט עפּאָכע ענטשטאַנען נאָך איידער דאָס פאָלק איז געשאַפען געוואָרען. די איצטיגע מלוכה איז ענטשטאַנען דורך דער דינאַמיק פון איין מענש, וועלכער האָט בעוויזען מיטצורייסען א גרופּע, קאָנסטיטואירען זי אין בעוואָפענטער טאַט און ערשט שפּעטער נאָכציהען נאָך זיך דאָס גאַנצע פאָלק. דעם אַנטייל פון די יודען אין די אונאָפּהענגיגקייטס בעוועגונגען בעגרעניצט איצט די דאָזיגע לינקע, דעמאָקראַטישע, פאָרטשריטליכע גרופּירונג צו דער אָפּערטען געשטאַלט פון בערקע: דערווייל ווי גרויס און ווי בעדייטענד איז געווען דער אַנטייל פון די יודען אין דער אונאָפּהענגיגקייטס בעוועגונג פון די לינקע, זאָלען מיר זאָגען אין אַזאַ פּ. פּ. ס., און וואָס פאַר א אַנגעזעהענער אַנטייל, פּראָצענטמעסיג האָבען די יודען גענומען אין די לעגיאָנען. און ווי לעכערליך איז עס, אַז איצט מוזען מיר, יעדענפאַלס נישט־קיין אָנהענגער פון די פּערלס און דיאַמאַנדס, דערמאָהנען אָט דער דאָזיגער דעמאָקראַטישער יוגענד, וועגען זייער עקזיסטענץ און וועגען זייער אָפּטמאָל ריזיגער בעדייטונג אין פוילישען סאָציאַליזם!"

ווייטער פיהרט די צייטונג אויס, אַז דאָס אַרויסזאָגען זיך געגען אַסימילאַציע איז אויך א סתירה צו דער דעמאָקראַטיע און ענדליך ווייזט די צייטונג אָן, אַז די פוילישע דעמאָקראַטישע יוגענד שטעלט זיך אויף דעם „נאַראָדאָווען" שטאַנדפּונקט, וואָס שטיצט זיך אויף דיזעלבע יסודות, וואָס דער פיהרער פון די נאַרא־לייט מאָסדאָרף.

און די צייטונג פערענדיגט, אַז די לעצטע זעלנער פון די דעמאָקראַטישע לאָזונגען האָבען פערלאָזען די פאָהן.

—=—

אינטערנאַצ. פּראָטעסט געגען די היטלער-גזירות אויף יודן

אויף דער קאָנפערענץ פון די פעלקער־בונד־פעראיינען אין בריסעל

די רעזאָלוציעס, וואָס עס האָט אָנגענומען געגען היטלעריסטישען דייטשלאַנד דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון די פעלקער - בונד - געזעלשאַפטען וואָס איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען צווישען דעם 8. און 12. יוני אויף דער בריסעלער וועלט־אויסשטעלונג דאַרפען בעטראַכט ווערען פאַר א גרויסער מפּלה פון דער היטלער - דיפּלאָמאַטיע און גלייכצייטיג — פאַר א גרויסען נצחון פון דער יודישער נאַציאָנאַלער דיפּלאָמאַטיע.

צום ערשטען מאָל האָט אַנ'אינטערנאַציאָנאַלע קערפּערשאַפט, אין וועלכער עס נעהמען אַנטייל אַזעלכע פיהרענדיגע וועלט־פּאָליטיקער, ווי פּאָל - באָנקור, דער פּרעמיער וואַן־זעעלאַנד, מיניסטער הייטמאַנס, מיניסטער עמיל וואַנדערוועלדע, לאָרד סעסיל, מוסאָליניס ידיד דזשיאַניני און נאָך צענדליגער אַנדערע אייראָפּעאישע און מחוץ אייראָפּעאישע שטאַאַטסמענער, אָנגענומען א רעזאָלוציע, אין אַזאַ שאַרפען טאָן, געגען דעם היטלעריסטישען אַנטיסעמיטיזם.

גרויסע רעדעס אויפען דאָזיגען קאָנגרעס זענען געהאַלטען געוואָרען פון פּאָל באָנקור, מיניסטער הייטמאַנס, ד"ר מאָסינזאָהן פון תּל־אביב (אין נאָמען פון דער א"י־דיגער געזעלשאַפט פאַרן פעלקער - בונד) — אויך ד"ר נחום גאָלדמאַן איז געווען אָנוועזענד אויפען קאָנגרעס און ער האָט אין נאָמען פון'ם קאָמיטעט פון די יודישע דעלעגאַציעס געפאָדערט, אַז איינמאָל פאַר אַלעמאָל, זאָל דער קאָנגרעס אויפהויבען זיין שטימע געגען די אומדערהערטע עוולות, וואָס ווערען בעגאַנגען געגען די דייטשע יודען.

* * *

איידער עס איז גענומען געוואָרען צו אָפּשטימונג די אַנטי-דייטשע רעזאָלוציע, האָט דער בעלגישער דעלעגאַט געשטעלט א פאָרמעלע פראַגע, צי מען האָט פון דייטשלאַנד בעקומען אַנ'ענטפער אויף דער פריהערדיגער מילדער רעזאָלוציע. דאַן איז דייטשלאַנד נאָך געווען א מיטגליד פונם וועלט־פערבאַנד — און יענע רעזאָלוציע האָט אין א פריינדליכען אופן געפּרובט אויס'פּועל'ן ביי דער דייטשער רעגירונג דאָס צוריקציהען זיך פון די אַנטי־יודישע דיסקרימינאַציעס. אויף דער דאָזיגער פאָרמעלער פראַגע האָט געענטפערט דער פּאָרזיצער פונם קאָנגרעס, דער איטאַליענישער דעלעגאַט ה' דזשיאַניני:

„מיר האָבען אָנגעווענדעט אַלע פרידליכע מיטלען צו בעאיינפלוסען דייטשלאַנד צו ענדערען איהר אַנטי־יודישע פּאָליטיק; עס האָט אָבער נישט געהאָלפען. אויף אונזער רעזאָלוציע איז געקומען אַנ'ענטפער, אַז די יודען־פראַגע אין דייטשלאַנד איז אַנ'אינערליכע דייטשע פראַגע און — א חוץ דעם — האָט דייטשלאַנד אונז געענטפערט, אַז זי פערלאָזט די פעלקער־ליגע געזעלשאַפטען צוליב דער דאָזיגער אריינמישונג אין איהרע אינערליכע אַנגעלעגענהייטען".

די רעזאָלוציעס, וואָס דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנגרעס פון די פעלקער־ליגע געזעלשאַפטען אין בריסעל האָט אָנגענומען אין דער פראַגע, לויטען:

„אויסהערענדיג דעם בעריכט וועגען דעם מצב פון די יודען אין דייטשלאַנד, וועלכען עס האָט דעם קאָנגרעס צוגעשטעלט די מיסיס דאַגדעיל, איז דער 19־טער קאָנגרעס פון די פעלקער־בונד־געזעלשאַפטען, געקומען צו די פאָלגענדע אויספיהרונגען:

„דער 19־טער קאָנגרעס.

דערמאָהנענדיג די רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען פון דעם 17־טען קאָנגרעס וועגען דעם מצב פון די יודען אין דייטשלאַנד, ווי אויך דעם רוף פון דער וועלט־אוניע פון די געזעלשאַפטען פאַרן פעלקער־בונד, וועלכע עס האָט דאַן איבערגעגעבען דער דייטשער דעלעגאַציע אין נאָמען פון דער אוניע פאַר די פעלקער־בונד געזעלשאַפטען לאָרד סעסיל;

„בעדויערענדיג, וואָס דער דאָזיגער אַפּעל האָט נישט נאָר נישט געגעבען די ערוואַרטעטע ערפאָלגען, נאָר — אין געגענטייל — זינט דעמאָלט האָט די דייטשע רעגירונג נאָך געפונען פאַר נויטיג צו פערערגערען דעם מצב פון די יודען דורך נייע גזרות.

„פערטרעטענדיג די שטעלונג, אַז דאָס אויפהאַלטען די פעראָרדנונגען, וואָס ערלויבען נישט א גלייכע בעהאַנדלונג דורכן געזעץ פון דייטשלאַנדס יודישע בירגער און בערויבען זיי אויף אַזאַ אופן פון די עלעמענטאַרע רעכט פון מענשען און בירגער, איז א פשוט'ע אַרויספאָדערונג געגען די פּרינציפּען, וועלכע זענען דער יסוד פון דער פעלקער־ליגע און פון דער ציוויליזאַציע.

„פּראָקלאַמירט נאָך אַמאָל פייערליך זיין צוגעבונדענקייט צום פּרינציפּ, וואָס ליגט אינם אינטערעס גופא פון וועלט־שלום, נעמליך — אַז אַלע מלוכות מוזען גאַראַנטירען זייערע בירגער לכל הפּחות די בירגערליכע, רעליגיעזע און שפּראַכליכע רעכט, וועלכע עס ענטהאַלט דער מינדערהייטען טראַקטאַט.

„דער קאָנגרעס פאָדערט אויף אויף אַלע געזעלשאַפטען, וועלכע נעהמען אַנטייל אינם פערבאַנד, אַז זיי זאָלען פאָדערן פון זייערע רעגירונגען צו אַקצעפּטירען פון די דאָזיגע גרונד פּרינציפּען און מיטווירקען אין דער בעאיינפלוסונג פון דער עפענטליכער מיינונג אין דער ריכטונג פון אונטערשטיצען די מאָסרעגלען, וואָס זענען עלול צו מאַכען א סוף צו א מצב, וועלכער בעאונרוהיגט דאָס געוויסען פון דער וועלט!"

די דאָזיגע רעזאָלוציע, געגען וועלכער עס האָט געשטימט בלויז דער פאָרשטעהער פון אונגאַרן — דער איינציגער אַגב, וואָס האָט אונטערשטיצט דעם דייטשען שטאַנדפּונקט, אַז די יודען־פראַגע איז אַנ'אינערליכע דייטשע אַנגעלעגענהייט, האָט געמאַכט א שטאַרקען איינדרוק אויף דער בעלגישער עפענטליכקייט — און אין די רעגירונגס־קרייזען.

מ. י. נירענבערגער.

געלד פליהט אין הימעל און אויף דער ערד הונגערט מען

אין דער ריגער „סעוואָדניאַ" געפינען מיר אַ קאָרעספּאָנדענץ פון בערלין וועגען דעם, ווי אַזוי עס איז איצט די שטימונג פון פשוט'ן דייטשען המון. בכדי צו כאַראַקטעריזירען די דאָזיגע שטימונג ברענגען מיר דאָ איינינע אויסצוגען פון דער דאָזיגער קאָרעספּאָנדענץ:

„וועגען דעם, אַז דייטשלאַנד איז איצט „אונצופרידען", הערען מיר זעהר אָפט. אָבער סוף־כל־סוף קומען מיר זיך געוועהנליך צוזאַמען מיט אַ בעגרעניצטען קרייז מענשען, וואָס איז אונז מעהר אָדער ווייניגער נאָהענט לויט זייערע שטימונגען און דעריבער איז נישט ריכטיג צו פעראַלגעמיינערען. אַריינדרינגען ווידער אין אַנ'אַנדערען קרייז איז ביי דער הערשענדער איצט אין דייטשלאַנד שרעק און פערדעכטיגקייט, כמעט נוצלאָז: ווי נאָר איהר בעווייזט זיך, פערמאַכען זיך תיכף די מיילער, אָדער מען הויבט אָן צו רעדען וועגען זאַכען, וואָס קענען קיינעם נישט אינטערעסירען.

וועלענדיג אָבער דערגעהען דעם אמת, האָב איך די טעג בעשלאָסען צו מאַכען אַ שפּאַציר איבער איינינע בערלינער מערק און צוהערען, וואָס עס רעדען די דייטשע באַלעבאָסטעס און דינסטען.

איך זאָג עס אָהן איבערטרייבונג: אויף די מערק הערשט אַ קרעכצען און אַ זיפצען, אַלע בעקלאָגען זיך. דאָס לעבען ווערט טייערער פון טאָג צו טאָג, און דער זומער, וואָס געוועהנליך פלעגט ער זיין אַ פערלייכטערונג פאַר די באַלעבאָסטעס, אין זייער בודזשעט, האָט דאָסמאָל אינגאַנצען פערפיהרט.

— דאָס איז אונערהערט, — הער איך ווי עס בעקלאָגט זיך אַ דיקליכע פרוי, אַז אַ פונט טרוסקאַווקעס זאָל קאָסטען איין מאַרק 10 פעניג, סאַלאַט 30 פעניג, קאַרשען 50 פעניג, שפּאַראַגען 50 פעניג. דאָס איז דאָך אַנ'אמת'ע רויבעריי!

— איהר פערגעסט, אַז דער גאַנצער מאַי איז געווען אַ קאַלטער און די קעלטען האָבען פערניכטעט אַלע גערטנער און סעדער — האָט געענטפערט מיט אַ פערדראָסיגען טאָן אַ פּויערטע, וואָס האָט די „סחורה" געבראַכט פון קאַפּוטא אָדער ווענדער. — וועגען די פאַריעהריגע פרייזען מוז מען פערגעסען. איהר וועט גאָר זעהען, וואָס פאַראַ פרייזען עס וועלען אין לויפענדען יאָהר זיין אויף קאַרטאָפעל. — פון דער קעלט זענען זיי שוואַרץ געוואָרען ווי די קויהלען.

— קעלטען? — האָט מיט כעס אונטערגעכאַפּט די קויפערין, פונקט ווי זי וואָלט נאָר געוואַרט אויף דעם תירוץ פון דער טייערקייט — קעלטען? אָבער פאַרוואָס איז ווידער טייערער געוואָרען פלייש, פיש און אייער? זייט ווען ווערען דאָס פיש, פלייש און אייער קאַליע פון קעלט? און דערווייל קאָסט איצט אַנ'איי 11 פעניג. איהר האָט שוין אַמאָל געהערט, אַז זומער זאָלען זיין טייער אייער? קעלטען! און ציטרינען? אונערהערט: איין ציטרין דער גרויס פון אַ נוס, קאָסט 15 פעניג!

— וועגען דעם פרעגט בעסער דעם ד"ר שאַכט נישט מיך, — ענטפערט מיט כעס די פּויערטע פון הינטער קאַפּוטא. — ער פערנעהמט זיך מיט צושטעלען קיין דייטשלאַנד אויסלענדישע סחורות. איך ווייס נאָר איינס איך מוז פערקויפען מיין סחורה אויב נישט פיהר איך זי צוריק אַהיים.

די קויפערין זוכט דאַן מיטגעפיהל ביי מיר און זאָגט: און ביי דעם אַלעם האָט מען נאָך רעדוצירט די פּענסיע. און פאַרוואָס פאַראַ געלד זאָל איך קויפען? מיט וואָס זאָל איך אָנזעטיגען מיין פאַמיליע?

אַזוי ווי איך בין געקומען הערען און נישט רעדען שווייג איך, און שאָקעל מיט מיטגעפיהל מיט דער קאָפּ.

בוכשטעבליך די זעלבע געשפּרעכען הערט מען אויך אויף די אַנדערע מערק. נאָר איך מוז זאָגען, אַז וועגען דער קויפערין בין איך רוהיג. זי וועט אַזוי ווי אַלע אַנדערע דייטשע באַלעבאָסטעס די יקרות־פראַגע לעזען גאַנץ איינפאַך. איז טייער געוואָרען פלייש און פיש? עס איז טייער געוואָרען שפּאַראַגען און סאַלאַט? איז וואָס, דאַרף מען נישט. וועט זי איבערגעהען אויף קאַרטאָפעל מיט פעטס. אויף זופּ פון מילך מיט קנאָבעל א. אז. וו.

אָבער מיט דער פּויערטע, וואָס מוז פון מאַרק צוריקפיהרען איהר נישט־פערקויפטע סחורה, איז די לאַגע אַנ'ערגערע. אַ גאַנצען טעג צוריק א היים קיין קאַפּוטא וועט זי מיט רציחה שלאָגען דאָס פערד פונקט ווי עס האַלט שולדיג געווען אין דעם וואָס אַלץ איז איבערגעדרעהט מיט די פיס אַרויף און שלעפּט אַרויס דאָס געלד פון די טאַשען און שוואַכט אָפּ דעם האַנדעל. און ווען צום מיטאָג וועט קומען איהר זוהן, וואָס פאַראַדירט פון צייט צו צייט אין אַ ברוינעם מונדיר, וועט זי מיט פערדאַכטונג זאָגען:

— אַ דאַנק אייך דערפאַר, וואָס איהר האָט געמאַכט, נאָר פון אַזעלבע געשעפטען וועלען מיר בקרוב פגר'ן פון הונגער.

דער ברוינער זוהן וועט זיך פערטראַכטען, און וועט גאָרנישט ענטפערען.

עס איז זעהר שווער צו ענטפערען, וואו עס ענדיגט זיך די השפּעה פון די מאַי־קעלטען אויף די פרייזען און וואו עס הויבט זיך אָן די ענטוואַרטונג פון דייטשען מאַרק. מענשען וואָס קומען פון פאַריז פערזיכערן, אַז פאַר איין דייטשען מאַרק צאָהלט מען איצט אַנשטאָט 6 פראַנק נאָר 4 פראַנק מיט 60 סאַנטים. די קעלטען זענען טאַקע קעלטען אָבער צי הויבט זיך נישט אַמאָל אָן אַנ'אינפלאַציע?

דאָס פרעגט נישט איך, דאָס האָב איך אויך געהערט אויף אַ מאַרק ביי היימישע עקאָנאָמיסטען וואָס געדענקען נאָך די שווערע צרות פון דער נישט ווייטער פערגאַנגענהייט. און דאָרט האָב איך אויך געהערט אַזאַ דיאַלאָג:

— אַלע בעקלאָגען זיך, אַז זיי האָבען נישט קיין געלד. אָבער וואו, איך בעט אייך, האָט זיך דאָס גאַנצע געלד אַהינגעטון?

דאָס דאָזיגע פּראָבלעם פון געביט פון די פינאַנס־געזעצען האָט געלעזט אַ געוויסער אונגעכמודעטער, נישט־ראַזירטער, הלבא - אונגעריגער, וואָס איז געקומען קויפען קאַרטאָפעל.

— איהר ווילט וויסען, וואו עס געפינט זיך אונזער געלד? — האָט ער געפרעגט מיט אַ בייזען און שאַרפען טאָן און אָנווייזענדיג מיט'ן פינגער אין הימעל, וואו עס איז פונקט אַדורכגעפלויגען צוויי קריגס־אַעראָפּלאַנען, האָט ער געזאָגט:

— אָט איז אונזער געלד! זיי פליהען. זעהט.

אַלע זענען ענטשוויגען געוואָרען. ווייטער פיהרען דאָס געשפּרעך אויף דער דאָזיגער טעמע, איז געווען געפעהרליך, נאָר עס האָט זיך געפיהלט, אַז מיט דער תשובה זענען אַלע מסכים.

א משומד — א נאצי-שרייבער
מאכט א מיאוס'ן בלבול אויף זיין אייגענער מאמען

קיין חשובער יחסן איז א משומד קיינמאל נישט געווען. א מסור איז עס אודאי נישט. ווער שמועסט נאך, אז איינער איז אי א משומד, אי א מסור — האט ער זיך שוין זיכער נישט מיט וואס זיך גרוים צו האלטען.

היינטיגע צייטען אבער איז אנדערש. היינטיגע צייטען פון דער בארבארישער היטלער-מאכט, איז יעדער משומד, וואס איז א מסור, און קען נאך בעווייזען שווארץ אויף ווייס, מיט דאקומענטען, אז ער איז נאך צו דעם א ממזר אויך, אזא איינער איז א יחסן פון פערווי סארט און ערשט דאן עפענען זיך פאר איהם אלע טירען און טויערן פון דער היטלער-מדינה און ער קען מאכען א קאריערע.

עס קלינגט ווי א שפאס. עס איז אבער לוידער קיין שפאס נישט, עס איז דער טרויעריגער אמת. אונזער קאלעגע, מישטיינס געזאגט, דער נאצי-דיכטער און שריפטשטעלער, ארנאלד בראגען, וועלכער איז ביז איצט געווען בלויז א משומד און א מסור איז געווען נעבעך אויף גרויסע צרות. ער האט נישט געהאט קיין פרנסה. א בעטלער איז ער געווען, אין צעריסענע שיך, א קבצן אין זיבען פאלעס, א בעריהמטער הונגער-לידער. מיט לאנגע האר און א קינסטלערישען שניפס. נאך פון דער באבע טאלצעס צייטען, א ראמאנטישע נאטור מיט א צעריסענער דיכטער-נשמה, האט ער שוין מיט זיין פען אלע עבודה-זרות געדינט.

אזוי שנעל ווי ער האט זיך איבערגעקוליעט צו די נאציס האט ער גענומען ארבייטען אויף אלע פאעטישע כלים, צו בעווייזען זיין טרייע נאציסקייט. ער האט גענומען בעזינגען היטלער'ן מעהויבען די נאציס אין זיבעטען הימעל, געשאסען פעך און שוועבעל אויף די „יודען און קאמוניסטען".

נאר קיין פרנסה האט ער נאך אלץ נישט געהאט.

ווייל פון די אלע זיבען גליקען, האט ער נאך אלץ נישט געהאט וואס צו פיקען, ביז ער איז בעפאלען אויפ'ן שכל און איז, אלס משומד און מסור, געווארען א שטיקעל ממזר אויך. און ערשט איצט האט ער געמאכט א וואזשנע ליטעראַרישע קאריערע און געקראגען אין היטלער'ס מלוכה א גרויסע און פעטע שטעל אלס מלוכה-דראמאטורג מיט א טיטול און מיט א נישט-קשה'דיגען געהאלט.

ווי אזוי-זשע ווערט מען עפעס א ממזר, אז מען איז שוין א משומד און א מסור? איז טאקע די מעשה די, וואס נאר א מסור און א משומד קען ווערען א ממזר אויך, צוליב געלד, נעמליך...

געשמד'ט האט זיך דער דיכטער ארנאלד בראגען, וועלכער שפילט איצט א בעדייטענדע ראלע אין דער נייער דייטשער נאצי-ליטעראַטור.

(א בריף פון וויען)

נאך אין זיין יוגענד, צוזאמען מיט זיין טאטען, אפרים פערדינאנד בראנער, וועלכער איז א גימנאזיע-לעהרער אין וויען און שטאמט פון רומעניע. זיין מוטער איז א דייטשע, א קריסטין, און ער איז א בן-יחיד'ל.

וואס-זשע טוט מען? ווי אזוי ווערט מען א „ריין-ראסיגער אריער", אז מען האט א יודישען טאטען? אמת, א משומד, אבער פארט א שטיקעל טאטע... צי דעם איז בלויז איין איינציגע עצה, נעמליך, אפצולייקענען דעם טאטען...

יא, אבער ווי אזוי לייקענט מען דאס עפעס אפ אנ'אייגענעם טאטען, אז די גאנצע וועלט ווייסט דאך, אז דעם נאצי - דיכטער ארנאלד בראגענס טאטע, דער משומד-לעהרער, פרידריך בראנער לעבט און וואוינט אין וויען אין דער ווידנער שטראסע?

— הויבט זיך נישט אן — זאגט דער נאצי-דיכטער, משומד און מסור ארנאלד בראגען — עס איז נישט מיין טאטע.

— סטייטש, ווי איז דאס מעגליך?

— איך בין, זאגט ער, א ממזר, א ריין-ראסיגער אַרישער ממזר!

— עט... בע... שייך א ממזר?

— דאס קען יעדער משומד בעהויפטען, — האבען געזאגט זיינע ריין-ראסיגע דיכטער-קאלעגען. „בעווייזע" ווילען מיר, שווארץ אויף ווייס מיט דאקומענטען. קאנסט בעווייזען, אז דו ביזט א ממזר, ביזט דו א כשר'ער נאצי-פאעט, א ריין-ראסיגע" אריער. אויב נישט איז וועה צו דיין ממזר-קאפ, בלייבסטו א „האלב-יודע".

— כ'וועל בעווייזען! — האט דער משומד געענטפערט.

געזאגט און געטון.

ער האט אויסגעזוכט אין וויען איינעם א „ריין-ראסיגען" אלטען, וועלכער איז צוריק מיט א האלבען יאהר-הונדערט געווען א שבת-גוי אין זיין פאטער'ס יודישען הויז. איז ער אוועק צו אט דעם שבת-גוי מיט'ן נאמען כאלעמקע, גערופען איהם אין שענק, מכבד געווען איהם מיט עטליכע כוסות וויין און בראנפען און צו איהם אזוי געזאגט:

— הער נאר דו, הער כאלעמקע, קאנסטו זיך דערמאנען, אז דו ביזט געווען א שבת-גוי ביים „יוד" דעם לערער פערדינאנד בראנער, הא?

— יא געוויס קאן איך מיך דערמאנען, וואס איז דען?

— גאר נישט, מיט דער באלעבאסטע, די פרוי בראנער, ביזטו דעמאלט געווען „קוצעניו-מוצעניו". הא?

דער שבת-גוי מאכט ווידער א פיינע כוסה, און ער לאכט אהן צייהן: מאלע וואס ס'איז דארט געווען צוריק מיט א האלבען יאהר-הונדערט! פרעגט איהם בחרם, אז ער געדענקט שוין נישט, זאגט ע.ר. געווען איז ער דעמאלס א יונגערמאן א פרען, און היינט איז ער שוין נעבעך א צו-בראכענער שארבען.

— גוט, זעהר וואויל! — זאגט ארנאלד בראגען. — הייסט עס, — שרייט ער אריין דעם שבת-גוי אין אויער (דער אלטיטשקער איז שוין, לא עלינו, אביסעל טויבליך) — הייסט עס, אז דו ביזט געווען מיין קריסטליכער מאמע'ס געליבטער און אז איך בין דיין זוהן, און דו ביזט מיין טאטע? אמת, צי ניין?

דער שבת-גוי קוועטשט מיט די פלייצעס. א דאגה האט ער, אז ער שטעהט שוין מיט איין פוס אין קבר. זאל זיין אזוי... יענער גיט איהם א גלאז וויין און וויל זיין זוהן... וואס ארט דאס איהם?

— נו, זונעלע מיינער, — זאגט דער אלטער שוין אביסעל שיכור, — אויב אזוי, טא גיבזשע מיר א ווטשערע אויך... יא, ער וועט איהם געבען א ווטשערע אויך, אבער אט דא, זאל דער שבת-גוי אונטערשרייבען זיין נאמען, אט-א אויף דעם דאקומענט זאל ער אונטערשרייבען, אז ער, ארנאלד בראגען, איז זיין זוהן, און אז ער, כא-לעמקע, איז זיין ריכטיגער טאטע, און נישט דער יוד, דער משומד, פערדינאנד בראנער.

דער שבת-גוי האט גענומען די פען אין האנד און אנידערגעשטעלט אויף דעם דאקומענט, וועלכער בעשטעטיגט, אז דער נאצי-פאעט ארנאלד בראגען איז זיין נישט-געזעצליכער זוהן, דריי צלמ'לעך, ווייל אונטערשרייבען זיין נאמען קאן ער נישט. אבער די דריי צלמ'לעך גילטען אויף דעם דאקומענט אלס ריכטיגער אונטערשריפט.

און אט מיט דעם דאקומענט אין האנד איז ארנאלד בראגען אוועק קיין בערלין און בעוויזען, אז ער איז א כשר'ער ממזר, א זוהן פון זיין קריסטליכער מאמען מיט דעם גוישען טאטען, דעם אמאליגען שבת-גוי כאלעמקע, וועלכער האט צוריק מיט א האלבען יאהר-הונדערט געשפילט א לינקע ליבע מיט זיין מוטער, און ער, ארנאלד בראגען איז עס די פרוכט פון דער דאזיגער זינדיגער ליבע און דורך דעם א „ריין-ראסיגער אריער" און נישט מעהר קיין „האלב-יודע". און אט דאס האט געפיהרט דערצו, אז ער איז אנערקענט געווארען אלס „ריין-ראסיגער גדול" און בעקומען א וויכטיגע מלוכה-שטעלע.

די ווערק פון אזעלכע יודישע דיכטער און דענקער ווי מארקס און היינע, איינשטיין און פרויד, שניצלער און וואסערמאן, האבען די נאציס פערברענט אויפ'ן שייטערהויפען און אויסגעראטעט פון דער דייטשער ליטעראטור און ארנאלד בראגען האבען זיי אריינגעכאפט.

זאל זיי די מציאה וואויל בעקומען. זיי זענען זיך איינס דאס אנדערע ווערט.

א רעפארטער פון דער נייער יודיש-דייטשער צייטונג „דער מארגען" איז געווען א בעלן צו מאכען א וויזיט ביי ארנאלד בראגענ'ס על-טערען אין וויען.

דער פאטער פון דעם נאצי-פאעט, דער משומד, פערדינאנד בראנער, האט דעם יודישען רעפארטער נישט אויפגענומען. ער האט זיך בעשעמט צו ווייזען זיין פנים און ער האט זיך בעהאלטען אין א צווייטען צימער. די מוטער, די קריסטין, האט דעם רעפארטער יא אויפגענומען. אויף דער פראגע פון דעם רעפארטער, וואס זי זאגט צו דעם פיהלהאפטען בלבול מיט דעם „ממזר" געשיכטע, וואס איהר זונדעלע, דער נאצי-פאעט, האט אויף איהר, זיין אייגענער מוטער, אויסגעטראכט, האט די אלטע פרוי מיט פערצווייפלונג פערבראכען די הענד און געענטפערט, אז דער רשע האט דאס געטון צוליב זיין קאריערע, אבער נאך טרויעריגער, האט זי געזאגט, איז דער פאקט, וואס אין היינטיגע צייטען שעהמט מען זיך נישט מיט אזא ווילדער, אומנארמאלער זאך, נאר מען מאכט נאך פון דעם א גאנצען צימעס.

מאסקוף.

די בעסטע
און
געזונדסטע
זענען
די 4-וואטקאווע
גילזען
„OSMAN"

געשטארבען פראנץ פאן מענדעלסאהן
דער סעניאר פון באנק-הויז מענדעלסאהן

בערלין (יט"א) דא איז געשטארבען דער סעניאר-שעף פון באנק-הויז „מענדעלסאן ענד קאמפ". פראנץ פאן מענדעלסאהן, וועלכער איז געווען א מיטגליד פון „הערדען-הויז". פראנץ פאן מענדעלסאהן איז ביז היטלער'ס קומען צו דער מאכט געווען וויצע-פרעזידענט פון דער אינטער נאציאנאלער ארבייטס-קאמער און איז נאך זיין רע זיגנאציע געוועהלט געווארען אלס עהרן פרעזידענט וואס עס איז דאן בעטראכט געווארען אלס א דע מאנסטראציע נעגען דער דיפאמירונג פון א נישט אריער. הגם דער דאזיגער צווייג פון דער מענדעל סאהן משפחה האט שוין זייט יאהרען פערלאזען דאס יודענטום, פלעגט אבער דער פערשטארבענער שטענדיג ארויסווייזען א לעבהאפטען אינטערעס פאר יודישע ענינים און האט זיך בעטייליגט אין יודישער הילפס טעטיגקייט.

Dr. med. P. Braun
צוריקגעקעהרט
ספעציאליסט פאר הויט און ווענערישע קראנקה.
נעהמט אן פון 8—1 און פון 4—8 אוו.
Cegielniana 4, tel. 100-57.

זיין פרוי און זיין געליבטע
האבען געלעבט צווישען זיך ווי טרייע צווילינג-שוועסטער

— 4 —

„מיין פרוי מיט די דריי יונגלעך זענען גע-קומען קיין ניו-יארק אין זומער 1902. אין די פיר שווערע מלחמה-יאהרען איז סאפיא'ס שעהנ-הייט פערוועלקט געווארען. זי האט זיך געענוג אנגעליטען. זי האט איצט אויסגעזעהען נעבעך א סך עלטער ווי זי איז געווען אין אמת'ן. איהר חן איז אבער געבליבען. מיין הארץ האט געבלוטעט קוקענדיג אויף איהר. איך האב צו איהר גע-פיהלט א טרייהייט מיט'ן גאנצען הארצען; איך האב געגלויבט, אז מיר וועלען קענען לעבען אלע צוזאמען; אז מיין טרייהייט צו סאפיא'ן וועט נישט בעשטערען זיין און אז מיינע געפיהלען צו מאלי'ן וועלען אויך נישט זיין געשטערט. איך בין דאך געווען מיט א היבש ביסעל יאהרען יונגער ווי איצט, און אזוי האב איך געגלויבט מיט'ן גאנצען הארצען. די צוקונפט דאט זיך אויס-געלאכט אי פון מיר, אי פון מאלי'ן; דאס לעבען האט אונז ווידערשפראכען. איך וויל זיך אבער אליין נישט פערלויפען דעם וועג. לאמיר געהען מסדר.

„איך האב סאפיא'ן גלייך געזאגט, אז איך וואוין דא ביי מיין פריינדין, וועגען וועלכער איך האב איר געשריבען, און אז איצט וועלען מיר אלע וואוינען צוזאמען. אלזא, האט מאלי מיט איהר יונגעלע און מיר מיט אונזערע קינדער זיך בעזעצט צוזאמען.

„אלץ איז געווען אנגעגרייט אויף א באלעבאַ-טישען שטייגער. מאלי האט זיך געפארעט, גע-קויפט די קינדער די נויטיגע מלבושים און אויך פאר סאפיא'ן. אלץ איז געגאנגען גלאט ווי גע-חאנשען. איך וועל נישט לייקענען, אז פאר מיר איז דאס געווען א שווער שטיקעל ארבייט. איך האב בעדארפט זיין זעהר, זעהר פארזיכטיג. איך האב דיך גמוזט רעכענען מיט יעדען ווארט, אום קיינעם נישט צו מאכען אייפערזיכטיג. ביים אוועקגעהען אין דער פריה צו דער ארבייט האב איך זיך געקושט מיט מיין פרוי און די קינדער-לעך און אויך מיט מאלי'ן. דערביי האב איך שטענדיג אויפגעפאסט, אז מאלי'ס קוש זאל נישט קלונגען העכער און נישט געדויערען לענגער, ווי דער קוש, וואס איך האב געגעבען מיין געזעצלי-כער פרוי.

„איך געדענק, אזוי ווי איצט וואלט דאס געווען: מיר זענען אלע צוזאמען געפאהרען ערגעץ וואו צי גאסט. איך בין געזעסען צווישען סאפיא'ן און מאלי'ן. נו, האב איך מיט אלע קרעפטען צוזאמענגעדריקט מיינע קניה, פעסט צוזאמען, אז איך זאל נישט זיין צוגערוקט צו איינער מעהר ווי צו דער אנדערער, עס האט זיך מיר געדאכט, אז זייערע בליקען היטען דאס. אין מיין מוח איז שוין געווען א השד, אז אין זייערע הערצער וואקסט א בעהאלטענע אייפערזוכט."

* * *

„אין דער מלחמה-צייט — האט אפטייקער פארטגעזעצט — ווען אין לאדז און אין גאנצען געגענד פון פוילען, וואס די דייטשען האבען פער-נומען, איז די עקאנאמישע לאגע געווען אזא שרעק-ליכע, די נויט איז געווען אזוי גרויס, אז פאר יעדען האט געפאסט צו טון אלץ אין דער וועלט, כדי ווי עס זאל צו פערדינען א שטיקעל ברויט. נו, האט אויך געפאסט פאר דעם חזנ'ס שנור, מיין פרוי, צו ווערען אנ'אקטריסע, און מיין פא-טער, ר' שלמה'לע, דער חסידישער חזן, האט אפילו נישט פראטעסטירט. וואס טוט נישט א מא מע כדי צו שפייזען איהרע קינדער? אלזא איז דאס ביי איהם כשר געווען.

„האט זיך סאפיא איינגעלעבט אין דעם טע-אטער-קרייז און האט זיך מעהר נישט געקענט אפרייסען פון איהם. ד יאקטיארישע וויצען און גלייכווערטלעך האבען איהר שטארק אינטערע-סירט און זי פלעגט זיי געברויכען אין איהרע געשפרעכען. מיין צייט-פערטרייב, ווידער, איז גע-ווען מיין טעטיגקייט אין ארבייטער-רינג. ארום די נייע שולען. איך, צוזאמען מיט א צווייטען מיטגליד, האבען גענומען זאמלען אונטערשריפטען פאר דער בערעכטיגונג צו גרינדען איינע פון די ערשטע יודישע שולען אין בראנזוויל; ווארום דארט האבען מיר דאך געוואוינט. איך האב מיינס אויסגעפיהרט און אזוי איז ענטשטאנען פאר מיר א קוואל פון אינטערעסאנטער ארבייט, א קולטור-רעלער צענטער פאר עלטערען און פאר עלטערע קינדער. דערביי איז אויך געווען א דראמאטישע אפטיילונג.

„מאלי האט זיך אריינגעווארפען אין דער אינטערעסאנטער ארבייט מיט דעם גאנצען פייער פון איהר נשמה. זי האט מיר מיטגעהאלפען אין מיין בראנזווילער טעטיגקייט. דאס האט איהר געגעבען מעהר מעגליכקייטען צו זיין נאהענט לעבען מיר. זי איז געווען גליקליך און וועגען אייפערזוכט אדער א תכלית פאר זיך האט זי קיין צייט נישט געהאט אפילו צו קלערען. זי איז געווען פערטון אין אונטערנעהמונגען. זי איז גע-ווארען די פארזיצערין ביי די פרויען און איהר ווייבערשע מלוכה האט זי געפיהרט ביד חזקה. מאלי איז געווארען אזוי פאפולער, אז מען פלעגט זאגען, אז אויב זי נעמט נישט אנטייל אין אנ'-אונטערנעהמונג, קען די אונטערנעהמונג קיין ער-פאלג נישט האבען.

„אלע מיינע אנשטרענגונגען אריינצוציהען אויך סאפיא'ן אין דעם ארבייטער-רינג-קרייז, אז זי זאל אויך נעמען אנ'אנטייל אין אונזער טעטיגקייט זענען געווען אהן ערפאלג. א פאר מאל האט זי יא געפרובט זיך בעטייליגען, — האט גע-שפילט אנ'איין-אקטער, — אבער ווייטער איז דאס נישט געגאנגען. סאפיא האט זיך געהאט איהר אייגען וועלטעל. זי האט זיך געקלעפט צו דער אקטיארען-וועלט, צו שוישפילער און שוישפילע-רינס, וועלכע זי האט נאך געקענט פון דער היים, און וועלכע האבען עמיגרירט נאך אמעריקע שפע-טער. זי האט דא געשלאסען א פריינדשאפט מיט איינעם א גאלדשטיין, א טעאטער-מענש, און זי האט מיט איהם צוזאמען געגריינדעט א טעאטער-געזעלשאפט און זי האט זיך ארויסגעלאזט אויף דער פראווינץ שפילען טעאטער".

„סאפיא איז מיר געווען טייער", האט אפטייקער ווידער געזאגט. „איך האב געוואוסט נאר איין זאך: דאס איז מיין סאפיא, מיין ווייב, די מוטער פון מיינע קינדער. מיך און מאלי'ן האט געצויגען איינער צו דעם אנדערען. מיר האבען זיך אבער געהאלטען אבסאלוט קארעקט; מיר האבען זיך קאנטראלירט. מיר האבען נישט געטון קיין זאך, וואס וואלט געקענט פערלעצען סאפיא'ס געפיהלען. ווען מיר זענען נישט געווען אין הויז, און זי האט אונז נישט געהאט פאר די אויגען, האט זי אונז מסתמא יא חושד געווען. דאס איז אבער אנ'אנדערע פראגע. איך רעד דא בלויז וועגען דעם, ווי מיר האבען זיך אויפגעפיהרט, אין איהר אנוועזענהייט. סאפיא האט נישט געהאט די קלענסטע אורזאך צו זיין אייפערזיכטיג. מיר האבען זיך געהאלטען ווי א שוועסטער מיט א ברודער און אויב סאפיא האט אונז יא חושד געווען, האט זי דאס בעהאלטען טיף ביי זיך אין הארצען.

„מאלי איז געווען איבערגעגעבען צו סאפיא'ן מיט'ן גאנצען הארצען. זי האט מיין ווייב אב-סאלוט געליבט ווי א שוועסטער און זי האט זיך פארגעשטעלט, אז סאפיא דארף האבען פונקט אזעלכע גוטע געפיהלען צו איהר. זי האט עס נישט אויסגעדריקט מיט ווערטער, אבער אזוי האט זי געפיהלט מאלי; און ווי זי האט געפיהלט, אזוי האט זי געהאנדעלט. אזוי איז זי געווען אין אלץ וואס זי האט געטון און אין אלץ וואס זי האט געזאגט. און סאפיא? ווי אזוי קען זי זיין גלייכגילטיג צו איהר מאנ'ס ראמאן מיט מאלי'ן? סאפיא האט געגלויבט, אז זי האט קיין אורזאך נישט צו זיין בייז אויף איהר, אז אלעס איז נאטירליך און ריכטיג.

(סוף מארג ען)

האנדווערקעריי און האנדעל

אויף דער וואך

דאס פראבלעם פון אומשיכטונג ביי יודען

דאָס פּראָבלעם פון אומשיכטונג ביי יודען איז היינט זעהר אַקטועל.

דאָס יודישע פאָלק לעבט אַדורך אַ היסטאָ־רישען מאָמענט, וועלכער וועט האָבען אַ קאָלאָסאַלע בעדייטונג פאַר זיין עתיד.

די נייע בעדינגונגען, אין וועלכע עס געפינט זיך איצט דאָס יודענטום צווינגען אונז גענוי און מיט פולע אחריות זיך איינצוקלערען אין דער לאַגע, — און זי צו בייטען.

דער גרויסער אויפוואוקס פון די ביז נישט לאַנג עקאָנאָמיש־צוריקגעשטאַנענע מזרח־פעלקער, האָט דערפיהרט דערצו, אַז די יודען ווערען אַרויסגעשטויסען פון אַלע זייערע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פּאָזיציעס און ווערען סיסטעמאַטיש איינגעצוימט צוריק אין אַ נייעם געטאָ.

די איינזייטיגע סאָציאַלע סטרוקטור פון דער יודישער בעפעלקערונג פערלייכטערט דעם פּראָצעס פון פּאַופּעריזאַציע פון דער יודישער מאַסע, וועלכע לעבט דורך, דעם איצטיגען קריזיס — פיל שווערער פון אַלע אַנדערע פעלקער. די לאַגע ווערט פון טאָג צו טאָג טראַגישער און וואָס ווייטער — אַלץ אויסזיכטסלאָזער. די טויערן פון די אַמעריקאַנישע לענדער זענען פאַר עמיגראַציע כמעט פערמאַכט. ארץ־ישראל קאָן נישט אויפנעהמען די גרויסע מאַסען פון עמיגראַנטען — בפרט נאָך, ווען זיי זענען צו דער נייער ווירקליכקייט נישט צוגעגרייט.

די יודישע פּאַרטייען האָבען שוין מיט יאָהרען צוריק בעמערקט דעם פּראָצעס פון ירידה און האָבען אין זייערע פּראָגראַמען אַריינגענומען די פּראַגע וועגען צוגרייטונג פון יודען צו נייע בערופן אָדער צו פערלאַנגען פון סוחרים און האַנדווערקער גענויערע פאַך־קענטנישען.

מ'האָט אָנגעהויבען אויפקלערען דעם יוד, אַז זיין איינזייטיגע שטרעבונג צו אינטעלעקטועלע בערופען אָדער צו פלאַכען סוחר'טום — פיהרט פריהער אָדער שפּעטער צו אַ היפּערפּראָדוקציע און צו אַרבייטסלאָזיגקייט.

די נייע געזעצען, וועלכע פערלאַנגען פון'ם סוחר און האַנדווערקער פאַכבילדונג זענען געקומען דער שווערער אַרבייט צו הילף.

די גרויסע שול־רעפאָרם, וועלכע ווערט איצט אין פוילען דורכגעפיהרט, האָט גלייכבערעכטיגט דאָס פאַך־שול־וועזען מיט די אַלגעמיינע שולען.

ס'איז געקומען די צייט ,ווען דאָס יודישע פאָלק, דאַרף פערשטעהען, אַז די אומשיכטונג פון דער מאַסע איז איינע פון די וויכטיגסטע פראַגען. אַקערבוי־שולען, האַנדווערקער־שולען און האַנדעלס־שולען זענען היינט די אַקטועלסטע פאָדערונג אויף דער יודישער גאַס.

אַלע בערופענע עפאַקטאָרען פון דער יודישער געזעלשאַפט מוזען דאָס פערשטעהען און צוטרעטען צו דער אַרבייט, וועלכע זאָל צוגרייטען די מאַסע צו דעם מאָרגענדיגען טאָג.

דר. מ. בערגמאַן

אויף דער היינטיגער פלענאר-זיצונג פון דער האנדלס-קאמער

וועלן בעטראכט ווערן די פראגן פון ארט. 54 און פון פעראיינהייטליכן דעם אומזאץ-שטייער

אין די סוחרישע קרייזען איז לעצטענס ווידער אַקטועל געוואָרען די פּראַגע פון אַרטיקעל 54 (וועגען פיהרען האַנדעלס ביכער), ווי בעקאַנט בעקעמפט דאָס סוחרטום זעהר ענערגיש דעם דאָזיגען אַרטיקעל אַלס דעם וועלכער שלאָגט זיך פאַטאַל אַז אויף די אינטערעסען פון האַנדעל. בעזונדערס פון די הורטאָווניקעס וועלכע האַלטען אז די סוחרים וואָס פיהרען נישט קיין ביכער נעהמען ביי זיי אָפּ די קליענטען.

אַלס רעזולטאַט פון אַ גאַנצע רייה קאָנפערענצען אין דער פראַגע האָט דאָס פינאַנץ־מיניסטעריום בעשלאָסען צו דערהאַלטען דעם אַרט. 54 גלייכצייטיג אָבער פּלאַנט דאָס מיניסטעריום אַרויסצוגעבען אַ פעראָרדנונג צו פערברייטערען די פליכט פון פיהרען ביכער אויף אַלע סוחרים וואָס האָבען פּאַטענטען פון דער צווייטער קאַטעגאָריע. דערביי זאָל צו געשלאָגען ווערען אַ געוויסער פּראָצענט. פאַר קאַסע סוחרים, וועלכע מ'וועט נישט דאַרפען פערשרייבען אין די ביכער. פ

דער דאָזיגער פּראָיעקט האָט ווידער אַרויסגערופען אַ נייעם שטורעם ביי אַלע סוחרים.

מיט עטליכע וואָכען צוריק האָט זיך דער פּערבאַנד פון די האַנדעלס קאַמערען געווענדעט צום פינאַנץ מיניסטעריום וועגען אינגאַנצען אָפּשאַפען דעם דאָזיגען אַרטיקעל. ביז איצט איז אָבער נישט פאַראַן קיין ענטפער אויף דער דאָזיגער ווענדונג.

היות ווי היינט קומט פאָר אַ פלענאַרע זיצונג פון דער לאָדזשער האַנדעלס קאַמער האָבען אַ רייה ראַטמענער בעשלאָסען צו שטעלען אויף דער טאָג אָרדנונג די פראַגע פון אָפּשאַפען דעם אַרט. 54 ווי אויך די פראַגע פון פעראיינהייטליכען דעם אומזאַץ שטייער.

ווענען פאטענטען אויפ'ן יאר 1936

זענען פערהאן פיל פראיעקטען

ווי מיר האָבען שוין מיטגעטיילט איז אין צענטראַלען קליינהענדלער פעראיין, פּאָמאָרסקאַ 15 איבערגעגעבען געוואָרען צום בעטראַכטען די פראַגע פּאַטענטען אויפ'ן יאָהר 1936, צו די בראַנזשען־סעקציעס, יעדע סעקציע בעזונדער האָט אויסגעאַרבייט אַ פּראָיעקט נינסטיג פאַר זיך און אויף דער געמיינזאַמער קאָנפערענץ, וועלכע איז עהערנעכטען פאָרגעקומען זענען בעטראַכט געוואָרען אַלע פּראָיעקטען.

די מיינונג פון די פּראָיעקט־געבערס קען מען טיילען אין צוויי קאַטעגאָריעס: איינע, וועלכע פּראָיעקטירט צו פערגרעסערען די צאָהל־פּאַטענטען אויף אַזא אופן אַז דער פּרייז פון די קלענסטע און גרעסטע קאַטעגאָריע זאָל בלייבען אונפערענדערט. יעדע קאַטעגאָריע פּאַטענט זאָל זיין אמבעלאַנגט אין דעם כאַראַקטער פון געשעפט. צאָהל שטובען און אָנגעשטעלטע. די צווייטע מיינונג פון דער מעהרהייט איז אַז דער פּאַטענט זאָל נישט בעגרעניצען דעם צאָהל פון האַנדעלס אָנגעשטעלטע, וואָס האָט אַ גאַנץ גרויסע בעדייטונג פאַר די אַרבייטסלאָזיגקייט און פאַר פיל בראַנזשען, ווי פיש, קליין־גאַלאַנטעריע, א.א. צ"ב אין אַ פיש־געשעפט וואָס איז טעטיג נאָר פון דאָנערשטאָג ביז פרייטאָג מיטאָג, אַרבייט דער איינענטימער מיט דער גאַנצער משפחה ווייל דאָס לעבען פאָדערט דאָס, און לויט די ענטשפּרעכענדע פאָרשריפטען, קען דער שטייער אַמט פאָדערען אויסצוקויפען אַ צווייטע קאַטעגאָריע. אויב אין אַ געשעפט פון אַ דריטער קאַט. אַרבייטען מעהר ווי דער אייגענטימער זיין פערטרעטער און איין אָנגעשטעלטער, דאַרף זעלבע אין פיל אַנדערע, די קאַט. פּאַטענט זאָל אויך נישט זיין אָפּהענגיג פון אַרט סחורות, נאָר פון דער הויך פון אומזאַץ.

די פראַגע איז איבערגעגעבען געוואָרען צו דער ענדגילטיגער ערלעדיגונג דער פערוואַלטונג פון צענטראַלען קליינהענדלער פעראיין און אין קורצען וועלען מיר קענען איבערגעבען דעם גענויערען פּראָיעקט.

בעדראהט די עקזיסטענץ פון צעהנדליגער טויזענדער שטאדטישע כאלופניקעס

אויפקלערונגען פון ד"ר. י. גיטערמאן בנוגע דער נייער פעראָרדענונג וועגען כאלופניקעס

וואַרשע, (יט"א) אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן פערעפענטליכען אין „דזשענניק אוסטאַוו" פון 13 ד. ה. די פעראָרדענונג פון מיניסטעריום פאַר האַנדעל און אינדוסטריע, וואָס פיהרט אַריין אַ נייע דעפיניציע אין דעם בעגריף פון כאַלופּניקעס, האָט יט"א זיך געווענדעט צום פעראייניגטען קאָמיטעט פאַר די עניינים פון יודישער מלאכה נאָך אויפקלערונגען וועגען דער ווירקונג, וואָס די דאָזיגע פעראָרדענונג סען האָבען אויף די יודישע כאַלופּניקעס. דער פּאָרזיצער פון דעם קאָמיטעט ה' דיר. י. גיטערמאַן ,האָט געגעבען פאָלגענדע אויפקלערונגען:

געבענדיג אַ נייע דעפיניציע וועגען דעם, ווער עס דאַרף ווייטער בעטראַכט ווערען אַלס כאַלופּניק, האָט דאָס מיניסטעריום אויסגעשלאָסען מיט דעם, נישט מעהר ווי 90 פּראָצענט פון די שטאָטישע כאַלופּניקעס, וואָס זענען ביז־איצט אָנגעגאַנגען אַלס אַזעלכע און נישט אַלס האַנדווערקער. דעריבער האָבען זיי נישט געהאַט קיין פליכט זיך צוצופּאַסען צום אינדוסטריע־געזעץ, וואָס פאַר־פליכטעט פון 1927 די האַנדווערקער.

דער אונטערשיד פון דער פריהערדיגער דעפיניציע פון בעגריף כאַלופּניק ביז דער איצטיגער בעשטעהט הויפּטזעכליך אין דעם, וואָס צו דער פריהערדיגער דעפיניציע, אַז אַלס כאַלופּניק ווערט בעטראַכט דער, וואָס אַרבייט נישט דירעקט אויף דעם בעשטעלער, נאָר פאַר דעם סוחר אָדער פערמיטלער ,איז איצט צוגעגעבען געוואָרען, אַז דאָס בעציהט זיך נאָר צו די, וואָס אַרבייטען מיט די נאָהענטסטע פאַמיליען־מיטגלידער ד. ה. אַז אויב איינער אַרבייט אפילו פאַר אַ סוחר, נאָר ער בעשעפטיגט דערביי פרעמדע אַרבייטער, ווערט ער שוין מעהר נישט בעטראַכט אַלס כאַלופּניק נאָר אַלס האַנדווערקער. דאָס פּראָבלעם בעשטעהט גראָדע אין דעם, וואָס די ווייט־איבערוויגענדע צאָהל כאַלופּניקעס בעשעפטיגען יאָ פרעמדע אַרבייטער, ווייל נאָר אַ דאַנק דער גרויסער אַרבייטס־פּערטיילונג צווישען דעם כאַלופּניק און זיינע אַרבייטער איז ער אין שטאַנד צו אַרבייטען ביליג. מיט דעם, וואָס די אַלע, ביז־איצטיגע כאַלופּניקעס, וואָס בעשעפטיגען אַרבייטער, זענען איצט ערקלערט געוואָרען אַלס האַנדווערקער, איז די עקזיסטענץ פון נישט ווייניגער ווי 40—50 טויזענד שטאָטישע פאַמיליעס ערנסט בעדראָהט. מיר זאָגען שטאָטישע, ווייל אין דער פעראָרדענונג ווערט געמאַכט אַן אויסנאַהם פאַר די, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט הויז־אינדוסטריע. אָדער זיי ציהען זייער חיונה נאָך פון אַן אַנדער קוועלע, און זיי וועלען ווייטער בעטראַכט ווערען אַלס כאַלופּניקעס ד. ה., אַז פאַר דעם דאָרפישען כאַלופּניק האָט זיך מיט דער נייער פעראָרדענונג די לאַגע נישט געענדערט.

מיר האָבען נישט די מעגליכקייט צו בעריהרען די עקאָנאָמישע זייט פון דער פראַגע ד. ה. ווי עס וועט ווירקען אויף דער עקאָנאָמישער לאַגע פון די כאַלופּניקעס, וואָס געהען איצט איבער צו האַנדווערקער, נאָכדעם ווי זיי וועלען דאַרפען אויסקויפען פּאַטענטען, צאָהלען שטייערען, א. א. ח. מיר וועלען דאָ נאָר אָנווייזען, אַז יורידיש בעדייט די נייע פעראָרדנונג, דאָס די אַלע צענדליגער שטאָטישע כאַלופּניקעס עקזיסטירען פון דעם 13 נישט לעגאַל, ווייל אויף וויפיל זיי זענען ערקלערט געוואָרען אַלס האַנדווערקער, דאַרפען זיי בעזיצען האַנדווערקער־קאַרטען און דער גרעסטער רוב בעזיצט אַזעלכע קאַרטען נישט. דאָס איז אויך פערשטענדליך, ווייל אַלס כאַלופּניקעס, זענען זיי ביז איצט נישט געווען פערפליכטעט אַרויסצונעהמען האַנדווערקער־קאַרטען. די דאָזיגע אַלע געוועזענע כאַלופּניקעס קענען פאָרמעל זיך איצט בעמיהען וועגען האַנדווערקער־קאַרטען. ווער עס איז אָבער בעקאַנט מיט דער דאָזיגער פראַגע ווייס מיט וועלכע שוועריגקייטען עס איז איצט פערבונדען דאָס בעקומען אַזאַ קאַרטע. די וואָס האָבען געפיהרט אַ וואַרשטאַט פאַר דעם 1927 וועלען דאַרפען זיך בעמיהען וועגען דעם, צו פאַר זיי זאָלען אָנערקענט ווערען די ערוואָרבענע רעכט, אויף וואָס זיי וועלען דאַרפען צושטעלען בעווייזען, אַז זיי האָבען שוין דאַן געפיהרט אַ וואַרשטאַט. די וועלכע האָבען געעפענט זייערע וואַרשטאַטען נאָך 1927, וועלען זיך דאַרפען בעמיהען, אַז זיי זאָלען אַרויסגעגעבען ווערען די קאַרטען אויף דעם סמך פון דיספּענזע. אויסער דעם, וואָס דאָס איז פערבונדען מיט פערהעלטנישמעסיג גרויסע אויסגאַבען, וואָס די פעראָרימטע כאַלופּניקעס זענען נישט אומשטאַנד צו בעווייזען, איז דאָס אַרויסבעקומען קאַרטען פיל בעציהונג פון די לעצטע צום אַרויסגעבען נייע אָפּהענגיג פון די האַנדווערקער־קאַמערן, און די קאַרטען איז יעדען גוט בעקאַנט.

עס שטעהט נאָך אַ שווערע פראַגע וועגען די, וואָס פלעגען אויספיהרען נאָר אַ טייל פון דער מלאכה, ווי נייהען נאָר וועסטלעך, אָדער גאָר נייהען קנעפּ. די דאָזיגע קאַטעגאָריע וועט דאַרפען האָבען עקזאַמענס פאַר דער גאַנצער אַרבייט פון אַ שניידער ,וואָס עס איז נאַטירליך, פאַר זיי אונמעגליך. דאָס פּראָבלעם פון די כאַלופּניקעס וואָס זענען איצט ערקלערט געוואָרען אַלס האַנדווערקער, איז אַזוי אַרום אַ זעהר און זעהר אַ שווערער. די עקזיסטענץ פון צעהנדליגער טויזענדער שטאָטישע כאַלופּניקעס איז ביז גאָר בעדראָהט. דער פעראייניגטער קאָמיטעט פאַר די עניינים פון יודישער מלאכה האָט אויף זיין עקסטרא־זיצונג וועגען דער דאָזיגער פראַגע בעשלאָסען זיך צו פערשטענדיגען מיט אַלע בעטרעפענדע פעראינטערעסירטע אינסטיטוציעס און צוזאַמען אויסגעפינען די מיטלען, ווי אַזוי צו פערמיידען אַ קאַטאַסטראָפע פאַר די טויזענדער פאַמיליעס.

עס וועט מוזען אַלץ געטון ווערען, כדי אויפצוקלערען פאַר די מאַסגעבענדע ספערען די גרויס פון דער סכנה און דעם שאָדען, וואָס קען זיין דערפון פאַר'ן לאַנד. עס וועלען מוזען געפונען ווערען וועגען, אַז אַ וואָס קלענערע צאָהל אַרבייטס־מענשען זאָלען פון דעם געטראָפען ווערען. מען דאַרף נאָך צוגעבען, אַז אין דער דאָזיגער פראַגע זענען אויך פעראינטערעסירט די אָרגאַניזאַציעס, וואָס פערטרעטען די אינטערעסען פון אַ גרויסער צאָהל נישט־יודישע שטאָטישע כאַלופּניקעס, וואָס וועלען ווירקען אין דער זעלבער ריכטונג ווי די יודישע אָרגאַניזאַציעס.

(ווייטערדיגע האַנדווערקער־ידיעות זעה 9־טע זייט)

קאנפערענץ אין דער לאדזער האנדווערקער-קאמער

פון פארזיצערס פון די עקזאמען-קאמיסיעס

אין דער האַנדווערקער קאַמער איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ פון די פאָרזיצערס פון די עקזאַמינאַציע־קאָמיסיעס.

ס'איז בעטראַכט געוואָרען די פראַגע פון אויסאַרבעטען די טעכנישע זייט פון די האַנדווערקער עקזאַמענס. צו דער קאָנפערענץ איז געקומען די גאַנצע פערוואַלטונג פון דער האַנדווערקער - קאַמער. ס'איז אויך ספּעציעל געקומען פון וואַרשאַ דער נאַטשעלניק פון פערבאַנד פון די האַנדווערקער־קאַמערען ה' יאַראָשעווסקי און 62 פאָרזיצערס פון די קאָמיסיעס,

אַ גרויסען רעפעראַט וועגען דער ביז־איצטיגער טעטיגקייט פון די קאָמיסיעס האָט געהאַלטען דער דירעקטאָר דאָבאָש. דאַן האָט זיך אַנטוויקעלט אַ דיסקוסיע וועגען דעם רעפעראַט, אין וועלכער ס'האָבען אַנטייל גענומען אַ רייה פאָרזיצערס פון די עקזאַמענאַציע קאָמיסיעס, די כאַראַקטעריסטישסטע מאָמענטען פון דער דיסקוסיע זענען געווען פאָלגענדע: וועגען דעם ווי לאַנג ס'דאַרף דויערען אַ „שטוקאַ מיסטשאָווסקאַ", וועגען דעם אַז דער מינדליכער עקזאַמען זאָל פאָרקומען אין לאָקאַל פון דער קאַמער, עקזאַמען - פּראָגראַמען, אַנקלאַנגען געגען די קאָמיסיעס א.אז. וו.

דאָס איז געווען די ערשטע קאָנפערענץ פון אַ גאַנצע רייה, וועלכע וועלען פאָרקומען אין דער האַנדווערקער קאַמער וועגען פערשידענע אַקטועלע האַנדווערקער פּראָבלעמען.

האנדווערקער-ווארשטאטען ביי קאאפעראטיוו

לויט דער נאָוועלע צום אינדוסטריע געזעץ האָבען יורידישע פּערזאָנען דאָס רעכט זיך צו פערנעהמען מיט האַנדווערק נאָר אין דעם פאַל אויב אין בעשטאַנד פון זייער פערוואַלטונג גייען אַריין האַנדווערקער וועלכע בעזיצען דאָס רעכט צו פיהרען זעלבסטשטענדיג אַ וואַרשטאַט. אויפן סמך פון דער דאָזיגער פאָרשריפט האָט מען פערלאַנגט פון קאָנסום־קאָאָפּעראַטיוועז, ווי אויך פון לאַנדווירטשאַפטליכע קאָאָפּעראַטיוועז וועלכע בעזיצען אייגענע בעקעריען יאַטקעס, א.ד.גל. אַז אין בעשטאַנד פון פערוואַלטונג פון דעם קאָאָפּעראַטיוו זאָלען אַריינגעהן נישט ווייניגער ווי צוויי האַנדווערקער מיט האַנדווערקער קאַרטעס, אין געגענפאַל האָט מען פערלאַנגט אַז דער קאָאָפּעראַטיוו זאָל פערמאַכען זיין פּראָדוציר אונטערנעהמונג.

דאָס האַנדעלס מיניסטעריום האָט איצט אויפגעקלערט אַז די דאָזיגע אויסטייטשונג פון געזעץ איז נישט קיין ריכטיגע. אויב דער קאָאָפּעראַטיוו שטעלט מיט זיך פאָר אַליין אַ פּראָדוציר אונטערנעהמונג ד.ה. ער איז אַ פּראָדוציר קאָאָפּעראַטיוו, דעמאָלט מוזען אין דער פערוואַלטונג אומבעדינגט אַריינגיין מינדעסטענס צוויי זעלבסטשטענדיגע האַנדווערקער. אויב אָבער עס האַנדעלט זיך וועגען אַ קאָנסום קאָאָפּעראַטיוו אָדער אַ לאַנדווירטשאַפטליכען קאָאָפּעראַטיוו, וועלכער האָט אַ פּראָדוציר אונטערנעהמונג אויך צו דערלעדיגען אַ טייל פון זיינע אויפגאַבען און צו בעפרידיגען זיינע מיטגלידער, אונטערליגט ער נישט דער אָנגעוויזענער פאָרשריפט, ווייל די פּראָדוציר־אונטערנעהמונג איז אין אַזאַ פאַל נישט קיין בעזונדער יורידישע פּערזאָן, דעריבער קאָן מען נישט פערלאַנגען פון אַזאַ קאָאָפּעראַטיוו, אַז ער זאָל האָבען צוויי האַנדווערקער אין בעשטאַנד פון זיין פערוואַלטונג, דאַגעגען דאַרף פאַר דער דאָזיגער פּראָדוציר־אונטערנעהמונג בעשטימט ווערען דורכן קאָאָפּעראַטיוו אַ בעפולמעכטיגטער, וועלכער זאָל בעזיצען די רעכט פון אַ זעלבסטשטענדיגען האַנדווערקער.

Dr. med. L. Berman
צעגעלניאַנאַ 15 טעל. 149-07
ספּעציאַל־אַרצט פאַר מענער־שוואַכע־בעהאַנדלונג
און סעקסועלע בעראַטונג.
נעמט אָן פון 8–11 און פון 4–8 אָוונט.
זונטאָג פון 9–1 פאַרמיטאָג.
פאַר אונבעמיטעלטע—ספּעציעלע־פּרייזע

Dr. MICHAŁ URBACH
אינערליכע און נערווען קראַנקהייטען
האָט זיך איבערגעצויגען אויף
ZAWADZKA 15, tel: 148 89
נעהמט אָן פון 1–2 און פון 4–6 נאָכם.

נייער פאלקסבלאט

דאס לאדזער לעבן

נייער פאלקסבלאט

דינסטאג
1[illegible]
יז
סיון תרצה

יוני

זון-אויפגאנג 3.14
זון-אונטערגאנג —.8

לאדזער קאנפעקציאנערן טראגן זיך איבער אויף די מערב-קרעסן

(אג) צוליב דעם אלץ וואקסנדען קריזיס אין דער לאדזער טעקסטיל - אינדוסטריע, האבן זיך די לאדזער קאנפעקציאנערן אנגעהויבן איבערטראגן אין די מערב'דיגע פראווינצן פון פוילען, אנגעהויבן האט עס זיך דערמיט, וואס א טייל לאדזער קאנפעקציאנערן האט זיך איבערגעטראגן קיין גדיניע, וואו צוליב דעם ווירטשאפטליכן וואוקס פון דער שטאט, זענען געווען אויסגערעכנטע מעגליכקייטן פון דער קאנפעקציע-אינדוסטריע. איצט דערוויסט מען זיך, ווענן א נייעם שטראם לאדזער קאנפעקציאנערן, דאס מאל אין פויזנער געגנט. מען דארף בעטאנען, אז קיין פויזען האבן זיך איבערטראגן נישט נאר קאנפעקציאנערן, נאר אויך כאלופניקעס.

ווי מיר דערוויסן זיך איז די לאגע פון די לאדזער קאנפעקציאנערן און כאלופניקעס אויף'ן פויזנער מארק א גינסטיגע, ווייל זיי האבן שוין א בעדייטענדע צאהל בעשטעלונגען. ווי מען טיילט אונז מיט פון די פעראינטערעסירטע קרייזן, איז הגם אין איצטיגען מאמענט זענען די דאזיגע פאקטען נאך נישט קיין סכנה פאר דער לאדזער קאנפעקציע אינדוסטריע, קענען זיי אבער אין דער נאהענטסטער צוקונפט דערפיהרען צו בעדייטענדע ענדערונגען אין דער לאדזער אינדוסטריע, ווייל זיי קענען דערפיהרען צו דער ענטוויקלונג אין א ברייטען מאסשטאב א קאנפעקציע צענטער אין פויזען, און די דארטיגע סוחרים וואלטען שוין נישט געדארפט קויפען קיין קאנפעקציע אין לאדז.

איבערגעפאהרען אויף טויט א קאנסטאנטינער יוד

נעכטען איז ארויסגעגאנגען פון קאנסטאנטין דער 68-יעהריגער מרדכי טשעכאנאווסקי, אן'אלטער קאנסטאנטינער איינוואוינער און געגאנגען צופוס קיין סרעבני, וואו טשעכאנאווסקי האט געהאט געהאנדעלט.

ביי דער טראמוואי-סטאציע סרעבנא איז אנגעפאהרען א לאסט-אויטא, וועלכער איז ארויף אויף דעם זקן, וועלכער איז דערהרג'עט געווארען אויפ'ן ארט.

די קאנסטאנטינער חברה-קדישא, וואו דער דערהרג'עטער איז 40 יאהר געווען מיטגליד, בעמיהט זיך, אז מ'זאל דעם מת קובר זיין אין קאנסטאנטין.

געלד-זאמלונג פאר דער געזעלשאפט „פראצא"

(וואולטשאנסקא 21)

מארגען מיטוואך דעם 19 ד. ח. וועט אין די גאסען פון אונזער שטאט פארקומען א געלד-זאמלונג לטובת דער געזעלשאפט „פראצא".

די דאזיגע אינסטיטוציע ערמעגליכט דער ברייטער מאסע פון יודישע פרויען אויסצולערנען זיך א מלאכה און מיט דעם זעלבען זעלבסטשטענדיג צו פערדינען.

עס איז צו האפען, אז די געזעלשאפט וועט הײַנט אונטערשטיצען דעם זאמעל-טאג פון דער זעהר סימפאטישער אינסטיטוציע.

דרוסקעניק—דאס ביליגסטע קור-ארט אין פוילען

די פרייזען אין די קור-ערטער שטייגען געוועהנליך צוגלייך מיט דעם וואוקס פון דער צאהל פון די קור-געסט און מיט דעם איינשטעלען זיך פון וועטער. עס איז אבער נישטא א נעזעץ אהן אן'אויסנאהם. דאס בעווייזט דער היי-יאהריגער סעזאן אין דרוסקעניק די צאהל פון די קור-געסט וואקסט פון טאג צו טאג און עס האט זיך איינגעשטעלט א גלענצענדער וועטער, אבער די פרייזען בלייבען ווייטער זעהר נידריגע.

ס'זענען אויך בעדייטענד פערקלענערט געווארען די פרייזען פון די בעדער: זאלץ-בעדער פון 2.50 ביז 3.50 זל., בראווין-בעדער פון 3—5.50 זל., בראווין - קאמפרעסען פון 2.50—3,00 זל. אויך אנדערע היילונגס-קאסטען זענען זעהר נידריגע.

דער חודש'דיגער אבאנאמענט אין אנשטאלט פון היילען מיט דער הילף פון זון, לופט, און בעוועגונג בעטרעפט — 25 זל. א חודש.

מיט איין ווארט דרוסקעניג איז דאס ביליגסטע קור-ארט אין פוילען.

לעצטע פארשטעלונגען פון זינא גאלדשטיין

אין „ראזמאיטאשטשי"

נאך היינט און מארגען האבן אלע די מעגליכקייט צו זעהן די שלאגער - אפערעטקע „זי האט ליב" מיט זינא גאלדשטיין אין איהר פרעכטיגע געזאנג- און שפיל-ראל „פייגעלע די ציגיינערין".

פון דאנערשטאג ווערט בעניט נאר אויף 3 טעג דער גרויסער שלאגער פון זינא גאלדשטיינ'ס אמאליגען רעפערטואר „א מיידעל צו אליץ" דאס וועלען זיין די לעצטע געזעגנונגס-גאסטשפילען פון די באליבטע ארטיסטין אין לאדז.

אפטייקען.

היינטיגע נאכט-דיזשורען

(2) היינט ביינאכט דיזשורירען די אפטייקען, ק. לייגוועבער (פרייהייטס-פלאץ 2), י. הארטמאן מלינארסקא 1), וו. דאנילעצקי (פיעטריקאווער 127) א. פערעלמאן (ציגעל-גאס 32), י. צימער וואולטשאנסקא 37), ס. וואיטשיצקי (נאפיורקאווסקיעגא 27)

פון דער לאדזער בערזע

באנק פאלסקי	—	—	—	87.25
3 פראצענטיגע	בודאוולאנע		—	42.00
4 „	דאלארובקא		—	53.45
7 „	סטאבילויזאציע (אמ.)			66.50
5 „	ווארשאווער ע.-ב.		1934	58.00
5 „	לאדזער			51.75
ענגלישער פונט	—	—	—	26.12
דאלאר אפיצ.	5.30	נישט אפיצ.	—	5.27
גאלד-דאלאר	—	—	—	9.22
גאלד-רובל	—	—	—	4.74
דייטשער מארק	—	—	—	1.83

מארגענצייהונג

קויף שוין א לאס אין דער בעריהמטער קאלעקטור

ג. יאטקא

פיעטריקאווער 22
פיעטריקאווער 66
נאוואמיעסקא 1

דעפ. יצחק גרינבוים קומט קיין לאדז

גרויסער ציוניסטישער מיטינג

היינטיגע וואך קומט קיין לאדז דער מיטגליד פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע, לייטער פון אימיגראציע - דעפארטאמענט פון דער יודישער אגענץ דעפ. יצחק גרינבוים.

אין צוזאמענהאנג דערמיט קומט פאר דאנערשטאג דעם 20-טען ה. ח. אווענד אין פילהארמאניע זאל א מאסען-פערזאמלונג, אויף וועלכער דעפ. גרינבוים וועט ארויסטרעטען מיט א רעפעראט א. ד. ט.: „אין קאמף פאר'ן קאנסטרוקטיווען ציוניזם" (די לאגע אין ציוניזם און אין א"י פארן 19-טען ציוניסטישען קאנגרעס).

בריף אין רעדאקציע

זעהר געעהרטע רעדאקציע!

איך בעט אפצודרוקען אין אייער ח' צייטונג די פאלגענדע שורות, פארוואס איך דאנק אייך פאראויס:

אויפ'ן צוזאמענפאהר פון פריינד פון די יודישע מיטעל-שולען האט ה' ד"ר מ. ברוידע ערקלערט, אז „דער פערבאנד האט שוין געהאט אנגענומען די אגראנאמישע שול אין „העלענובעק", אבער צוליב פערשידענע סיבות איז די שול לײדער אויסגעשלאסען געווארען פון פעראיין".

אין צוזאמענהאנג דערמיט וואלט איך בעדארפט געבען א גרעסערע ערקלערונג וועגען דאס אריינטרעטען פון ה' ד"ר מ. ברוידע און ה' דיר. א. פערלמאן אין קאמיטעט פון דער שול און וועגען זייער ארויסטרעטען פון דאזיגען קאמיטעט. נאר אזוי ווי ה' ד"ר מ. ברוידע און ה' דיר. א. פערלמאן געהערען — ווי איך — צו דער זעלבער ציוניסטישער ארגאניזאציע און אויך ווייל ס'האנדעלט זיך וועגען א געזעלשאפטליך - ציוניסטישע אינסטיטוציע — האב איך בעשלאסען די זאך נישט צו בעריהרען אין דער עפענטליכקייט — נאך איבערגעבען עס דעם פארטיי-געריכט — און זאל דאס פארטיי-געריכט ארויסטראגען זיין אורטייל איבער דער דאזיגער פראגע. ביז דאן וויל איך נישט דיסקוסירען איבער דעם ענין אין דער עפענטליכקייט.

וואס אנבעלאנגט דער ערקלערונג פון ד"ר מ. ברוידע, אז די דערמאנטע שול איז אויסגעשלאסען געווארען פון פערבאנד, איז בעקאנט, אז ס'איז דא אין לאדז און אין גאנץ פוילען א נעץ פון גוט אוועקגעשטעלטע נאציאנאלע יודישע שולען, כאטש זיי געהערען נישט צום פערבאנד. איך וויל האפען, אז די אגראנאמישע שול אין „העלענובעק", וועלכע איז געוועזען די ערשטע פון דעם טיפ יודישע שולען אין פוילען, נישט קוקענדיג אויף די גרויסע שוועריגקייטען, וועלכע זי האט אדורכגעמאכט און האט נאך אדורכצומאכען — וועט, אם ירצה השם — עקזיסטירען אויך אהן דעם פערבאנד.

מיט דרך ארץ
מרדכי חיים רומקאווסקי

וועגן מאנאפאליזירן דעם פערקויף פון צייטונגען

צווישען די צייטונגס-פערקויפער הערשט א מהומה, צוליב דעם, וואס די געזעלשאפט צו קאלפארטירען צייטשריפטען — „רוך", האט בדעה צו מאנאפאליזירען דעם פערקויף פון אלע צייטונגען אין לאנד. זי וויל עס טון אויף דעם אופן, אז זי וועט איינצאהלען אין די בעזונדערע מאגיסטראטען די גאנצע סומע, וועלכע יעדער מאגיסטראט בעקומט פון די צייטונגס - פערקויפער פארן רעכט צו שטיין אויף דער גאס און האנדלען מיט צייטשריפטען.

אין ווארשע, א שטייגער, האט דער ווארשעווער מאגיסטראט פון די צייטונגס - פערקויפער 140,000 זל. פאר די פלעצער. די דאזיגע סומע וויל דער „רוך" איינצאהלען, אז ער זאל האבען דעם מאנאפאל אויפן צייטונגס-פערקויף.

דער „רוך" פערמאגט איצט אויך אין פערשידענע פונקטען קיאסקען, וואו מען פערקויפט צייטונגען. אין די קיאסקען ארבייטען אנגעשטעלטע פון „רוך". די געזעלשאפט וויל דורך דעם מאנאפאליזירען דעם צייטונגס - פערקויף, אויך דעצידירען וועגען דעם, ווער עס זאל זיך מיט דעם צייטונגס-קאלפארטאזש בעשעפטיגען. לאמיר זאגען, אז דער „רוך" וועט אנגאזשירען א געוויסע טייל פון די איצטיגע צייטונגס - פערשפרייטער, אבער עס פערשטעהט זיך, אז נאר א געוויסע טייל און דאס אזעלכע, וועלכע וועלען פאר דער געזעלשאפט לוינען און די איבריגע?

די אונמיטעלבארע בעציהונג פונם צייטונגס - פערשפרייטער מיט דער צייטונג, מיט דער אדמיניסטראציע ווערט איבערגעריסען. די געזעלשאפט „רוך" וועט זיין די איינציגע, וועלכע וועט קאנען דעצידירען, וועלכע צייטונגען מען דארף לאנסירען, וועט האבען די מעגליכקייט אנדערע צייטשריפטען צו „פערשווייגען" נישט בעווייזען זיי אויף דער ליכטיגער וועלט.

לויט א צוזאמענגעשטעלטער טאבעלע איז אויס נערעכענט געווארען, אז ווען די קאמבינאציע מיט'ן „רוך" זאל צושטאנד קומען, וועט „רוך" פערדינען אין ווארשע אליין אין משך פון יאהר — און ביי 700 צייטונגס - פערשפרייטער 630.000 זל. דערפון טראגט די געזעלשאפט אריין דעם מאגיסטראט פאר די פלעצער 140.000 זל. בלייבט „רוך" ריינע הכנסה — 490.000 זל. ד. ה. אהאלבען מיליאן זל.!

די זעלבע פראפאראציע וועט אויסמאכען אויך אין די אנדערע שטעט. דעם „רוך" וועט עס איינבריגנען מיליאנען אויפן חשבון פון ארימען צייטונגס-פערשפרייטער, וועלכע ארבייטען אליין, אדער מיט דער הילף פון זייערע נאהענטע קרובים.

און עס פרעגט זיך: ווער א חוץ דער געזעלשאפט „רוך" וועט פון דער קאמבינאציע געווינען? וועמען נאך ליגט דער דאזיגער מאנאפאל צום הארצען?

די איינציגע גליקליכע קאלעקטור ג. וואלמאן!

די קאלעקטור פון ג. וואלמאן, נארוטאוויטשא 38 און פלאץ ריימאנטא 4-3, עמפעהלט אין לעצטען טאג גליקליכע לאסען פון דער 33-טער לאטעריע.

אלזא, אלע איילען צו דער קאלעקטור פון ג. וואלמאן, כדי צו בעקומען א לאס צו דער איצטיגער מלוכה-לאטעריע. מ'דארף בעמערקען, אז די אויביגע קאלעקטור נעהער צו די גליקליכסטע, וואו עס פאלען שטענדיג גרעסערע געווינסען.

מאביליזאציע-טאג פון לאדזער שקל-קאמיטעט

דער פעראייניגטער שקל-קאמיטעט אין לאדז האט פראקלאמירט אויף די לעצטע דריי טעג פון דער שקל-אקציע, דאנערשטאג, פרייטאג און זונטאג, א שקלים-פערקויף אין לאדז און אין די נאהענטסטע זומער-וואוינונגען.

פאבאר פון יאהרגאנג 1914

(א) מארגען, מיטוואך, דעם 19. ד. ח. דאר פון זיך שטעלען:

פאר דער קאמיסיע נומער 1, (פיעטראקאווסקא 16) מיליטער-פליכטיגע פון יאהר-גאנג 1913 וועלכע האבען פאראיאהרען בעקומען אן'אדיעמשטעניע, און וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 3. פאליציי-קאמיסאריאט מיט די פאמיליע-נעמען אויף:

D E F G H I J K L Ł M N O R

פאר דער קאמיסיע נומער 2, די פאבארפליכטיגע פון יאהרגאנג 1913, וואס האבען בעקומען אדראטשענגיעס פון מיליטער-דינסט, וואס וואוינען אויפ'ן שטח פון 7. פאליציי-קאמיסאריאט מיט די פאמיליע-נעמען אויף:

A B C Ch D E F G H I J K L Ł M N O

זעלנער פון לאדזער גארניזאן

צום בעעהרען דעם אנדענק פון מארשאל פילסודסקי

נעכטען אין אווענד זענען ארויסגעפאהרען קיין קראקא, כדי אנטייל צו נעמען אין אנשיטען דעם געדענקס-בארג פון מארשאל פילסודסקי, א דעלעגאציע פון זעלנער פון לאדזער גארניזאן אין דער צאהל פון 330 פערזאן.

די דאזיגע זעלנער זענען ארויסגעפאהרען אויף אייגענער רעכנונג, לויט אייגענער איניציאטיוו.

פאליטישער פראצעס פון א יוגענדליכען

אויף דער בעשולדיגונגס-באנק אין קרייז-געריכט איז נעכטען געזעסען דער 15-יעהריגער מענדעל שפירא בעשולדיגט, אז ער האט געקלעבט קאמוניסטישע פלאקאטען.

דאס געריכט האט פערמשפט דעם יוגענדליכען אויף אויסבעסערונגס-הויז, אפלעגען די שטראף אויף דריי יאהר, אפגעבען איהם דערוויל אונטער דער אויפזיכט פון געריכטס-אפיעקון.

פערזענליכעס

(א) נעכטען האט אנגעהויבען זיין אפרוה אורלויב דער שעף פון געזונדהייטס אפטיילונג ביי דער שמאטישער פערוואלטונג ה' סטאניסלאוו קאמענער.

עס פערטרעט איהם ד"ר מיסיאן.

(א) אויף אורלויב איז ארויסגעפאהרען דער קרייז ארבייטס אינספעקטאר אינזשיניער וויושי קאווסקי.

עס פערטרעט איהם אינספעקטאר אינזש. רוטקעוויטש.

קלאנג-קינא-טעאטער
Zachęta
זגערזשער 26

היינט און פאלגענדע טעג!
גרויסער דאפעלטער פראגראם:
— I —
דערלויב דיך צו ליבען
אין די הויפט-ראלען:
Anna Sothern, Edmuud Lowe
— II —
„טייפון"
סענסאציאנעלע דראמע. אין דער הויפטראל
LIANA HAID
אנהייב 4 נ.מ. שבת און זונטאג 12 בייטאג

Dr. med. H. LUBICZ
פאר הויט, וועגערישע און געשלעכטס-קראנקה.
צעגעלניאנא 7 (פריהער 43), טעל. 114-32
עמפפאנגס-שעה'ן 8—10, 2—12 און 5—8 אווענד
זונטאג פון 9—11 בייטאג און יום-טוב פון 9—1.
פאר דאמען — א בעזונדערער ווארטע-זאל.

וועגן לאקאל אויף שענקעוויטש 26

צו דער געעהרטער רעדאקציע פונם „נייעם פאלקסבלאט"!

אין צוזאמענהאנג מיט'ן קאמוניקאט פונם קהלה פרעזעס דעפ. י. ל. מינצבערג וועגן לאקאל אויף שיענקיעוויטש 26 אין אייער געשעצטען בלאט נו־מער 189 בעט איך אייך אפצודרוקען פאלגענדע ער־קלערונג:

(א) דאס אנגערופענע לאקאל איז נישט קיין „קהלה בנין" נאר די קהלה בעזיצט אין דעם גאנ־צען שטח נאר 37.5% און 62,5% בעזיצט, צוזא־מען מיט זיינע קינדער ה' נאטאן שטילער, וועלכער איז אויך דער געזעצליכער פערוואלטער פונם הויז.

ב) דער פרויען־פעראיין „וויזא" האט זיך מיט 5 יאהר צוריק נישט „אריינגעכאפט" אינם לאקאל, נאר האט דעם לאקאל איבערגענומען פון איינעם פון די פרענקלישע יורשים, וועלכער האט דעמאלט געוואוינט אין דער וואוינונג אויף לאקאטארען־רעכט. איידער דער פעראיין „וויזא" האט די דירה געדונגען, האט זיך די וויצע־פרעזידענטין פון פער־איין אויף מיין ראט אין מיין געגנווארט טעלעפא־ניש געווענדעט צום קהלה־פרעזעס ה' דעפ. מינצ־בערג און געפרעגט צי די קהלה האט נישט אנצע־ווענדען געגען דעם. ה' פרעזעס מינצבערג האט דע־רויף בפרוש געענטפערט, אז די קהלה האט פון איהר צד געגען דעם גארנישט. עס איז פאר מיר דעריבער געווען פולקאם אונפערשטענדליך, ווי אזוי די קהלה פערוואלטונג, און בפרט ה' פרעזעס מינצבערג האט געקענט באלד נאכ'ן איבערנעמען דאס לאקאל דורך די „וויזא" ארויסטרעטען געגען דעם פעראיין גע־ריכטליך וועגן עקסמיסיע.

ג) די קהלה־פערוואלטונג האט דעם פראצעס „פערשטעהט זיך נישט געוואונען אין אלע אינסטאנ־צען". זי האט דעם פראצעס אין דער ערשטער אינ־סטאנץ פערשפילט; אין דער צווייטער אינסטאנץ האט זי געוואונען, ווייל די „וויזא" האט פערשפע־טיגט פארצולעגען דעם געריכט דעם קאנטראקט, וואס זי האט אינצווישען געשלאסען מיט ה' נאטאן שטי־לער אלס דעם פערטרעטער פון 62.5% פון די הויז־בעזיצער.

ד) מיין אייגענער זאכליכער אינטערעס אין דעם גאנצען ענין נעמט זיך דערפון, וואס דער פער־איין פאר יודישע מיטעלשולען אין לאדז, וועמענס פרעזעס איך בין, האט פאר 2 יאהר אפגעדונגען ביים פעראיין „וויזא" א טייל פון דעם לאקאל אויף א „גן ילדים" און האט אריינגעלעגט א סך געלד, כדי די שולע איינצואָרדנען. איך בין דאדורך געוועזען אינטערעסירט אין דעם קאמף, וואס די „וויזא" האט געפיהרט געגען דער עולה'דיגער האנדלונג פון דער קהלה־פערוואלטונג, וואס וויל באלעבאטעווען אין א הויז, וואס זי האט דערין נאר א דריטעל און ווארפט ארויס א קולטורעלע יודישע אינסטיטוציע, וואס האט זיך מיט דער אויסדריקליכער הסכמה פון איהר פרעזעס אריינגעצויגען.

ה) עס איז נישט ריכטיג, אז איך האב מיך פער־זענליך בעטייליגט אין די פערהאנדלונגען צווישען דער „וויזא" און דער קהלה־פערוואלטונג, וועלכע האבען געפיהרט צו דעם אפמאך וועגען ארויסציהען

בריף אין רעדאקציע

פון „וויזא". איך האב נאר איינמאל פאר מעהר ווי א יאהר אינטערווענירט ביים פרעזעס מינצבערג און איהם דערביי דערמאנט אן זיין אייגענער הסכמה. די שטעלונג פון פרעזעס מינצבערג איז אבער דע־מאלט געווען אזוי הארט, אז עס איז פון מיין פער־מיטלונג גארנישט געווארען. זייט דעמאלט האב איך מיט קיינעם פון דער קהלה־פערוואלטונג וועגן דעם נישט גערעדט.

ו) נאכדעם, ווי לויט'ן אפמאך איז פעסטגע־שטעלט געווארען, אז די „וויזא" זאל דעם 15 יוני 1935 דעם לאקאל פערלאזען און עס איז ענטשטא־נען די פראגע וועגן גן־ילדים", האט זיך ה'שטילער געווענדעט צום פרעזידיום פונם פעראיין פון יודי־שע מיטעלשולען מיט א פארשלאג, אז מיר זאלען דעם גאנצען לאקאל ביי איהם אפדינגען, היות ה' שטילער איז דער פערוואלטער פונם הויז און דער אייגענטימער פון כמעט צוויי דריטעל דערפון, האבען מיר בעשלאסען דערויף איינצוגעהן, און מיר האבען נאך דער האנדלונג פון דער קהלה־פערוואל־טונג נישט געהאט קיין שום מאראלישען חוב זיך מיט איהר צו פערשטענדיגען. מיר האבען אלזא דעם פערטראג געשלאסען, און מיר האבען אלזא דאס לא־קאל, ווי באלד „וויזא" האט זיך פרייטאג ד. 14 יוני מיטאג־צייט ארויסגעצויגען, איבערגענומען פון ה' שטילער.

עס איז דערביי נישט אונזער זאך, וואס דאדורך איז דער קהלה־פערוואלטונג געשטערט געווארען צו פערכאפען דאס לאקאל פון ה' שטילער, ווי זי האט עס זונטאג אינדערפריה געפלאנט און וואס ה' דעפ. מינצבערג רופט אן „אז די קהלה האט זונטאג אינ־דערפריה דורך שליחים צוגעפיהרט זאכען כדי זיך אריינצוציהען אין לאקאל".

ז) דאס צומייסט פיקאנטע אין דעם ענין אלזא, איז נישט מיין פערהאלטען, נאר דאס, וואס ה' פרע־זעס מינצבערג האלט פאר מעגליך זיך צו ווענדען צום מאראלישען אורטייל פון דער יודישער געזעל־שאפט. אייגענטום פון א יודישער קהלה איז געוויס נישט הפקר. אבער פראקלאמירען פאר א קהלה'שען בנין א הויז, וואס די קהלה האט נאר 37.5%, און וועלען פון דארט ארויסווארפען וויכטיגע יודישע אינסטיטוציעס, געגען דעם ווילען פון דעם רוב איי־גענטימער — דאס האט אויך אנ'אייגען מאראליש פרצוף. די יודישע געזעלשאפט וועט עס, האף איך ריכטיג דערקענען.

איך דאנק אייך ה' רעדאקטאר פאר דעם פער־עפענטליכען די דאזיגע שורות

מיט כבוד

ד"ר מרדכי זאב ברוידע

זעהר געעהרטער ה' רעדאקטאר!

איך בעט אייך אפצודרוקען אין אייער חשוב'ער צייטונג פאלגענדע ערקלערונג פון דער לאדזער „וויזא"־פערוואלטונג, פארוואס איך דאנק אייך פאראויס.

מיט 5 יאהר צוריק האט די לאדזער „וויזא" פערוואלטונג, נישט פערכאפט, נאר געזעצליך פערנומען דעם לאקאל אין הויז אויף שענקעוויטשא 26 בכדי דארט ענטוויקלען און פיהרען א קולטו־רעלע, געזעלשאפטליכע און ציוניסטישע טעטיגקייט. פערנומען אויפ'ן סמך פון א קאנטראקט, וואס זי האט געשלאסען מיט די יורשים פון דעם פערשטאר־בענעם פרענקעל און מיט דער מינדליכער צושטי־מונג פון פרעזעס פון דער יודישער קהלה דעפ. י. ל. מינצבערג און דעם דעמאלדיגען וויצע־פרעזעס ה' ניימאן.

יעדען קווארטאל פלעגט די „וויזא" פערוואלטונג שיקען דירה־געלד דער יודישער קהלה פאר די 37½ פראצענט, וועלכע לויט דער צוואה פון פערשטאר־בענעם געהערט צו איהר אין דעם הויז. אבער די קהלה־פערוואלטונג האט שטענדיג דאס געלד צוריק געשיקט, ערקלערענדיג, אז זיי אנערקענען נישט „וויזא" פאר קיין לאקאטאר און אז זיי בעמיהען זיך אין געריכט צו בעקומען אנ'עקסמיסיע־אורטייל.

אזוי ארום איז דער חוב פון „וויזא" לגבי דער יודישער קהלה כסדר געוואקסען און אין משך פון 4 יאהר דערגרייכט צו א סומע כמעט פון 4000 זל.

4 יאהר האט זיך די יודישע קהלה פראצעסירט מיט דער לאדזער אפטיילונג פון אלוועלטליכען ציוניסטישען פרויען־פערבאנד „וויזא" ביז איהר איז, דורך א צופאל, געלונגען צו געווינען דעם פרא־צעס אין דער 2־טער אינסטאנץ און בעקומען אויף דעם פערבאנד אנ'עקסמיסיע־אורטייל.

נישט וועלענדיג ווייטער אויסגעבען אויף גע־ריכטס־קאסטען בלוטיגע יודישע געזעלשאפטליכע געלדער, האט פרוי רעזניק און פרוי ספעקטאר אין נאמען פון דער לאדזער „וויזא" פערוואלטונג (ד"ר מ. ברוידע האט דערצו קיין שייכות נישט געהאט). נאך לאנגע אונטערהאנדלונגען געשלאסען אנ'אפ־מאך מיט דעם פרעזעס פון דער לאדזער קהלה דעפ. י. ל. מינצבערג, לויט וועלכען די „וויזא" פערוואל־טונג האט צוריקגעצויגען די קאסאציע, וואס זי האט אנגעגעבען קיין ווארשא אויף דעם אורטייל פון לאד־זער געריכט, בעצאהלט דער יודישער קהלה 1000 זל. דירה־געלד פאר דער פערגאנגענער צייט און האט זיך פערפליכטעט צו צאהלען נארמאל יעדען קווער־טאל דירה־געלד דער קהלה פאר די 37½%, וואס געהערט צו איהר אין הויז אויף שענקעוויטש 26 און האט זיך אויך פערפליכטעט אין א יאהר ארום דאס הייסט דעם 15 יוני 1935 זיך ארויסצוציהען פון דעם לאקאל.

אט די אלע גענומענע אויף זיך פליכטען לגבי דער יודישער קהלה, האט די „וויזא" פערוואלטונג אויפריכטיג און עהרליך ערפילט.

צוליב דעם, וואס דאס מאל איז דער 15 יוני אויסגעפאלען אום שבת, האט די „וויזא"־פערוואל־טונג אויף איהר לעצטער זיצונג וואס איז פארגעקו־מען דאנערשטאג דעם 13 יוני בעשלאסען בעפרייען דעם לאקאל, פרייטאג דעם 14 יוני און גלייך אי־בערשיקען, לויט דער עצה פון אדוואקאט מאשקאוו־סקי, די שליסלען דורך א רעיענט צו דער קהלה־פער־וואלטונג (אין אפמאך איז וועגן איבערגעבען די שליסלען צו דער קהלה גארנישט דערמאנט געווא־רען).

די „וויזא"־סעקרעטארקע איז אויפגעפאדערט גע־ווארען בלייבען אין לאקאל ביז דער לעצטער מינוט, פערשליסען אלע טירען און די שליסלען איבערגע־בען צום רעיענט און פאדערן, ער זאל גלייך, דעם זעלבען טאג, וועגען דעם געבען צו וויסען דער קהלה פערוואלטונג. פרייטאג 4 א זייגער האט די סעקרע־טארין פון „וויזא" די שליסלען פון דער „וויזא"־וואוינונג דעם רעיענט אויף נארוטאוויטשא 1 אי־בערגעגעבען.

דאס איז דער ריינער אמת וועגן גאנצען ענין. און גאנץ רוהיג און זיכער ערווארט די לאדזער „וויזא"־פערוואלטונג דעם אורטייל פון דער יודי־שער געזעלשאפט, צו וועלכער דער געעהרטער פאר־זיצענדער פון דער יודישער קהלה, דעפ. י. ל. מינצ־בערג האט זיך געווענדעט.

מלכה רעזניק

פארזיצערין פון לאדזער „וויזא"־פערוואלטונג.

גוט מארגען!

גוטע „תלמידים" שלאפען אין חדר!..

האבען מיר אין לאדז א „חדר" אויף פאמאר סקא גאס, לערנט מען דארט אדאלף בערלינער'ס „תורה" גאנץ געשמאק. ס'טוט זיך דארט אויף טיש און מיט בענק. מ'„דיסקוטירט" מיט... פלאַ־שען, גלעזער. קאראפקעס און מיט אנדערע „זאכ־ליכע" ארגומענטען. די דעבאטען זענען אפטמאל „ליידענשאפטליכע" — מ'ליידט פון די קלעפ, וואס מ'כאפט פון די „בני קאוואלסקעלעך".

זיצט דארט דער „רבי" און קנעלט מיט זיינע „תלמידים" די ערשטע משנה פון חולין: „הכל שוח־טין ושחיטתן כשרה". דער „רבי" לערנט און די „תלמידים" פערנעהמען זעהר גוט דעם פשט דערפון און דערצו האבען זיי זעהר ליב אי דעם „רבי'ן" און דעם „חדר". קומען פינקטליך אין חדר אריין, פערשפעטיגען קיינמאל נישט אויף א מינוט, דאס טון זיי כדי זיי זאלען חלילה נישט אדורכלאזען איין ווארט פון דעם „רבינ'ס תורה", וואס דער „רבי" זאגט איז הייליג, הייסט ער שווייגען, שווייגט מען, הייסט ער שרייען, מאכט מען יעלות ביז'ן אונטערן הימעל. הייסט ער זיין טרויעריג, איז מען טרויעריג, הייסט ער זיין פרעה־ליך, ווערט טאקע „פרעהליך"... הייסט ער זיצען — זיצט מען. הייסט ער שטעהן — שטעהט מען, הייסט ער הייבען פיס, הייבט מען פיס. הייסט ער הייבען די הענד, הייבט מען הענד".

די „תלמידים" פאלגען דעם „רבי'ן", נאר איין זאך, האבען די „געטרייע תלמידים" נישט גע־פאלגט. דער „רבי" האט די „תלמידים" געהייסען שלאפען אין חדר, צוערשט האבען זיי געפאלגט, דערנאך האבען זיי זיך ארומגעזעהען, אז ס'איז נישט גוט צו שלאפען אין חדר, האבען זיי איבער געלאזט דעם „רבי" און געגאנגען פליטה.

דעם „רבין" האב זיי טאקע ליב, אבער שלא־פען אין חדר? — פע!

אב-נעה

די „פאליצייאישע משפחה" צום בעעהרען דעם אנדענק פון מארשאל פילסודסקי

די פאליצייאישע משפחה" האט נעכטען גע־שטעלט א גאטעסדינסט אין קאטעדרע פון סטאניס־לאוו קאסטק צו בעעהרען דעם אנדענק פון מאר־שאל פילסודסקי.

אויף דער גאטעסדינסט זענען אנוועזענד גע־ווען פארשטעהער פון מיליטערישער מאכט מיט גע־נעראל לאנגנער בראש, די העכערע פאליציי־בע־אמטע, פארשטעהער פון געריכט זעלבסטפערוואל־טונג, געזעלשאפטליכע ארגאניזאציעס און דעלע־גאציעס פון די פאליציאנטען.

ראדאשיצער רבי אין ווישניאווא גורא

דער ראדאשיצער רבי ר' ישראל יוסף פינק־לער שליט"א וועט זומער וואוינען אין ווישניאווא גורא.

ר. איזראעל

משומדים

סענסאצ. שפאנענדער ראמאן פון היינטיגען יודישען לעבען

(45

— איהר געפינט זיך אויף א שיף וועלכע האט אייך אפגעראטעוועט נאך דער קאטאסטראפע פון דער שיף אויף וועלכער איהר זענט געפאהרען, איצט זענט איהר אוים יעדער געפאהר און קענט זיך נאר פרעהען וואס ס'האט זיך אייך איינגעגעבען אויף אזא גליקליכען אופן צו ראטעווען.

אידא האט זיך נאר געפרעגט ווי אזוי דאס אלץ איז פארגעקומען, ווייל זי האט זיך אין גארנישט דער־מאהנט, זי האט נישט געדענקט פון דעם מאמענט אן ווען ס'האט געהערשט די שרעקליכע פאניק אויף דער אונטערגעהענדער שיף.

מ'האט איהר ערקלערט, אז זי איז אפגעראטע־וועט געווארען אויף א גאר אריגינעלען אופן. מ'־האט געמליך בעמערקט אויפן ים א שווימענדען מאנ ספערשוין און אויף זיין רוקען איז זי געווען צוגע־בונדען אזוי אז זי איז מיטגעשוואומען מיט איהם.

— אייער לעבען האט איהר טאקע אין דער ערש־טער ריי צו פערדאנקען דעם דאזיגען הער, האט מען איהר געגעבען צו פערשטעהן.

— ווער איז דאס? איז ער אויך אפגעראטעוועט געווארען?

— יא, צוזאמען מיט אייך, ער געפינט זיך דא ערגיץ אויף דער שיף, אבער איצט איז מעהר נישט פאראן קיין צייט איהם צו בעקענען מיט אייך. די שיף שטעלט זיך איצט פאר א קליינעם אינזעל אויפן ים און אלע געראטעוועטע פאסאזשירען וועלען דא אראפגעלאזען ווערען און ערשט פון דאנען וועט יע־דער אפגעשיקט ווערען אויף דעם ארט וואו ער וויל פאהרען.

אידא האט זיך ערשט איצט קלאר געמאכט איהר לאגע צי האט זי בכלל געוואוסט וואוהין זי פאהרט? צי האט זי ביי זיך געהאט וועלכען ס'איז דאקומענט זי איז דאך איצט אליין און איינזאם צווישען פרעמ־דע מענשען, פרעמדע שפראכען, און ווייס אפילו נישט אויב מ'זאל זי פרעגען וואוהין זי איז געפאהרען אויף דער שיף.

פעלאן און סאבאן האט ער געהאלטען פאר אום־געקומענע און איצט האט ער אפילו נישט מיט וועמען זיך צונויפצורעדען, ס'איז איצט אבער אפילו נישט געווען קיין צייט אויף צו טראכטען, די שיף האט שוין געהאט געאנקערט אנ'ערך א קילאמעטער־ווייט פון אינזעל און פון דאנען זענען די 8 אפגע־ראטעוועטע פאסאזשירען איבערגעשיקט געווארען מיט א גרעסער שיפעל אויף דער יבשה.

סטעפאן האט זיך אזוי אוועקגעזעצט אויף דעם שיפעל אז אידא זאל איהם נישט קענען אנקוקען, ער האט זי גוט געזעהען בעמערקט דעם ליידענדען אויסדרוק אויף איהר בלייכען פנים, ער האט בשום אופן נישט געקענט דעציטירען צו ווייזען זיך פאר אידאן, דאס וואלט געהייסען בענייען אופסניי די בע־ציהונגען צווישען זיי, צו וואס ער האט נישט געקענט דערלאזען.

אידא איז געזעסען פערטיפט. אין איהרע געדאנ־קען און אפילו נישט געקוקט אויף די מענשען וועל־כע זענען געזעסען צוזאמען מיט איהר אויפן שיפעל. וואס וועט זי ווייטער טון? וואוהין זאל זי פאהרען מ'וועט דאך דזי פרעגען וואוהין זי איז געפאהרען כדי מען זאל זי דארט אהין צושטעלען...

אין פערלויף פון צעהן מינוט איז דאס שיפעל געווען ביי דער יבשה. דער ערשטער איז אויסגע־שטיגען סטעפאן וועלכער האט זיך באלד אויסגע־זוכט אזא ארט אז מ'זאל איהם נישט בעמערקען. הגם ער האט זעהר גוט געוואוסט אז איהם וועט זיך נישט איינגעבען זיך לאנג צו בעהאלטען. האט ער דאך געשטרעבט אפצושלעפען די בעגעגעניש צווי־שען איהם און אידאן, אזוי לאנג ווי ער וועט דאס קענען,

אויפן אינזעל האבען זיך אויסגעשטעלט אלע די וועלכע זענען אפגעראטעוועט געווארען פון די לעצ־טע שיף־קאטאסטראפעס און וועלכע האבען זיך שוין דארט געפינען א געוויסע צייט, די נייע־צוגעקומענע פאסאזשירען זענען הארציג בעגריסט געווארען דורך די, וועלכע האבען זיך שוין געפינען אויפן אינזעל

אין דעם מאמענט האט אידא בעמערקט סאבאן. וועל־כע איז געשטאנען אויפן ברעג. אויך סאבא האט בע־מערקט אידאן, די צוויי פרויען האבען זיך נישט אזוי שטארק געקענט ווי שטארק און הארציג ס'איז געווען זייער בעגעגעניש, ביידע פרויען האבען דערפיהלט אז איינע האט געפונען אין דער אנדערער א טרייסט און א הילף אין דער איינזאמקייט, זיי האבען גלייך איג סטינקטיוו פערשטאנען און דעריבער האבען זיי זיך אזוי הארציג בעגריסט.

— סאבא דו לעבסט? דו שטעהסט דא פאר מיר א געזונדע, און גאנצע? איך האב דיך געהאלטען פאר א פערלוירענע, פאר אנ'אומגעקומענע.

— דאס זעלבע האב איך געטראכט וועגען דיר, האט סאבא געענטפערט.

זיי האבען אליין נישט געוואוסט, ווי אזוי ס'איז געשעהען, אז זיי זענען איבערגעגאנגען אויף צו דוצען זיך.

— וואו איז פעלא? האט סאבא געפרעגט, ווען אידא האט זיך געפונען אויפן ברעג.

— איך ווייס נישט, איך געדענק נישט, וואס מיט מיר איז פארגעקומען זייט איך בין געווען אויף יענער שיף, ווען איך בין געשטאנען נעבען דיר.

— אויב זי האט זיך נישט געפונען ביז איצט, האט סאבא ווייטער געזאגט, איז א סימן, אז זי איז אומגעקומען.

— האסט עפעס דאקומענטען, האט אידא גע־פרעגט.

— איך האב גארנישט ביי זיך, פעלא האט אלץ צוגענומען און איך האב גארנישט, ווער ווייס וואס פארא אונאנגענעהמליכקייטען מיר וועלען נאך צוליב דעם האבען.

— וואוהין פאהרסט דו איצט סאבא? האסט דו פאמיליע אדער בעקאנטע?

— איך האב קיינעם נישט אויף דער וועלט, איך בין איצט געבליבען עלענד ווי א שטיין, גוט וואס דו ביזט דא, וואס ס'האט זיך איינגעגעבען דיך אפצוראטעווען, ווייל אנדערש וואלט איך בכלל נישט געהאט מיט וועמען שוין צו רעדען.

— דיר איז נאך גוט, סאבא, דו האסט א פאך, ביזט א גוטע ארטיסטקע, א טענצערין, וואס וועט דיך נישט לאזען פערפאלען ווערען אויף דער וועלט, אבער איך....

— כ'האלט, אז דיר איז נאך בעסער, דו האסט א משפחה צו וועלכער דו וועסט זיך קענען אומ־קעהרען...

— ניין, דאס איז נישט מעגליך, קיינמאל קען מעהר נישט געשעהען דאס, אז איך זאל זיך צוריק־קעהרען צו מיין פאמיליע. דאס איז אנ'אונמעגליכע זאך....

— און דו מיינסט, אז זיין איינזאם און זיין א טענצערין איז פון די זאכען, וועלכע ברענגען פערגעניגען. ערשטענס, ווייס איך נישט צי איך וועל קענען בעקומען א פאסטען און צווייטענס, אויב יא, איז דאס גלייך מיטן ווערען א בעסערע פראסטי־טוטקע. ס'איז נישט אזוי לייכט. ס'וועט זיין אונ־מעגליך צו בעקומען א פאסטען אהן אנ'אימפרע־סאריע, און אריינפאלען אין די הענד פון אנ'אימ־פרעסאריא, איז דאסזעלבע ווי צו פערקויפען זיך. אלע זענען נישט בעסער ווי ס'איז געווען די דא־זיגע פעלא, מיט וועלכער מיר זענען ביידע געפאה־רען. ס'איז נישט אזוי לייכט מיין טייערע.

(פארטזעצונג קומט)

צוואַנגס־פערבאַנדען פאַר האַנדווערקער אדער קאָאָפּעראַטיוועז?

אויף דער טעמע: „צוואַנגס־פערבאַנדען פאַר האַנדווערקער אדער קאָאָפּעראַטיוועז" איז פאָרגעקומען אַן׳אינטערעסאַנטע דיסקוסיע אין דער וואַרשעווער קאָאָפּעראַטיסטען־געזעלשאַפט. מיט אַ רעפעראַט וועגען די האַנדווערקערישע צוואַנגס־פערבאַנדען איז אַרויסגעטרעטען ה׳ קאַזימיעזש סאָקאָלאָווסקי, באַטשעלניק פון דער אָפּטיילונג פאַר מלאכה און קליין־אינדוסטריע אין האַנדעלס־מיניסטעריום.

דער רעפערענט האָט אָנערקענט, אַז די נאָוועלע צום אינדוסטריע־געזעץ, וועלכע זעהט פאָר די מעגליכקייט פון גרינדען ווירטשאַפטליכע פערבאַנדען פאַר האַנדווערקער, איז נישט גענוג קלאָר און אויסגעהאַלטען. די נאָוועלע האָט איינגעפיהרט אַ געוויסע פּאַראַלעלקייט אין די האַנדווערקערישע אָרגאַניזאַציעס, ווייל געוויסע אויפגאַבען וועלען לויט דער נאָוועלע האָבען צו דערפילען סיי די האַנדווערקער־קאַמערן, סיי די ווירטשאַפטליכע פערבאַנדען. די וויכטיגסטע סיבה, פאַרוואָס דער געזעצגעבער האָט זיך געשטעלט אויפ׳ן שטאַנדפונקט פון ווירטשאַפטליכע האַנדווערקערישע פערבאַנדען, איז בעשטאַנען דערין, וואָס די צעכען און די האַנדווערקער־קאָאָפּעראַטיוועז האָבען כמעט ווי גאָרנישט אויפגעטון. די צעכען האָבען זיך פאַקטיש פערוואַנדעלט אין פערוויילונגס־קלובען. און וואָס אנבעלאַנגט האַנדווערקער־קאָאָפּעראַטיוועז איז אין גאַנצען לאַנד פאַראַן אפשר 50 אַזעלכע אינסטיטוציעס, וועלכע זענען נאָך דערהאַלטען געוואָרען ביים לעבען.

די אָרגאַניזאַציע פון די ווירטשאַפטליכע פערבאַנדען פאַר האַנדווערקער — האָט ווייטער אויסגעפיהרט דער רעפערענט — דאַרף מען זיך פאָרשטעלען אַזוי, אַז אין יעדער וואָיעוואָדזטווע וועט פאַר יעדער בראַנזשע זיין טעטיג אַ בעזונדער ווירטשאַפטליכער פערבאַנד. לויט דער נאָוועלע צום אינדוסטריע־געזעץ געהערט צו די אויפגאַבען פון אַזאַ פערבאַנד די גרינדונג פון פריוויליגע האַנדווערקערישע אָרגאַניזאַציעס אויף אויסצופיהרען אַרבייטען און בעשטעלונגען. די פערבאַנדען וועלען דאַרפען שאַפען דרייערליי אָרגאַניזאַציעס פון דעם דאָזיגען טיפּ; 1) קאָאָפּעראַטיוועז, 2) געזעלשאַפטען (ספּולקי), לויט די יסודות, וועלכע זענען אָנגעוויזען אין האַנדעלס־קאָדעקס, און 3) צייט־ווייליגע שותּפישע אונטערנעמונגען (ספּולקי אַד האָק לויט׳ן ציוויל־קאָדעקס).

זעהר אויספיהרליך האָט זיך דער רעפערענט דערנאָך אָפּגעשטעלט אויף דער פראַגע וועגען די צוואַנגס־פערבאַנדען. ווי בעקאַנט, זעהט פאָר די נאָוועלע צום אינדוסטריע־געזעץ, אַז דער האַנדעלס־מיניסטער מעג פערוואַנדלען די האַנדווערקערישע ווירטשאַפטליכע פערבאַנדען אין צוואַנגס־פערבאַנדען, ד. ה. דער האַנדעלס־מיניסטער מעג פעראָרדנען, אַז אַלע האַנדווערקער פון געגעבענעם פאַך זאָלען זיך מוזען פערשרייבען אַלס מיטגלידער פון זייער פערבאַנד, זאָלען מוזען אַריינטראָגען דעם מיטגלידס־אָפּצאָהל א. א. וו. דערביי איז אין דער נאָוועלע פאָרגעזעהען, אַז פאַר יעדען פאַך קאָן זיין נאָר איין איינציגער צוואַנגס־פערבאַנד אין גאַנצען לאַנד. דער רעפערענט האָט דערקלערט, אַז די פראַגע פון די צוואַנגס־פערבאַנדען געהער ערשט צו דער צוקונפט, אַז דאָס איז אַן ענין, וועלכער דאַרף נאָך ווערען אויסגעפרובט און אַז פאַר די צוואַנגס־צעכען דאַרף נאָך ערשט צוגעגרייט ווערען דער באָדען. דערפאַר איז נישט בעגרינדעט די מורא, אַז מען וועט שוין געהן איינפיהרען די צוואַנגס־פערבאַנדען. אַזוינע פלענער עקזיסטירען נישט, מען פערשטעהט, אַז מען מוז מיט אַזעלכע זאַכען אָפּוואַרטען און זיין זעהר פאָרזיכטיג. צום שלוס האָט דער רעפערענט פערטיידיגט דעם אַלגעמיינעם געדאַנק, אַז די האַנדווערקער מוזען זיך וואָס בעסער אָרגאַניזירען, און האָט אָנערקענט אויך דעם ווערט פון קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס פאַר די האַנדווערקער.

אין דער דיסקוסיע האָט רעד. י. זאַבענסקי געפרעגט דעם רעפערענט, ווי שטעלט ער זיך פאַר די בעציהונגען פון די ווירטשאַפטליכע פערבאַנדען צו די עקזיסטירענדע פריוויליגע האַנדווערקער־אָרגאַניזאַציעס און ווי שטעלט מען זיך פאַר די זאַך אין האַנדעלס־מיניסטעריום.

רעד. י. יאַשונסקי האָט אויפמערקזאַם געמאַכט דערויף, אַז דער רעפערענט האָט נישט דערשאַצט די ראָל פון קאָאָפּעראַציע פאַר די ווירטשאַפטליכע אינטערעסען פון די האַנדווערקער. אויב מען זאָל נעמען למשל, די פראַגע פון קרעדיטען פאַר האַנדווערקער זענען פאַראַן דאַטען, וועלכע ווייזען קלאָר און דייטליך, אַז די וויכטיגסטע קוועלע פאַר ערטיילען קרעדיטען די האַנדווערקער זענען די קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוועז. אין די פוילישע קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוועז זענען אָרגאַניזירט מינדעסטענס 45.000 האַנדווערקער. די אַנקעטע, וועלכע ס׳האָט פאַראַיאָהרען אַדורכגעפיהרט דער יודישער רעוויזיאָנס־פערבאַנד האָט בעוויזען, אַז אין די פערבאַנדס־קאָאָפּעראַטיוועז האָבען גענאָסען פון קרעדיטען איבער 29.000 בעלי־מלאכות אויף אַ סומען פון 4,6 מיליאָן זל. גערעכט איז דעריבער די צייט־שריפט „זשעמיאָסלאָ", ווען זי האָט איינמאָל אָנגעגעבען, אַז אין די קרעדיט־קאָאָפּעראַטיוועז זענען אָרגאַניזירט אַרום 100.000 האַנדווערקער, געניסענדיג קרעדיטען אויף אַ סומע פון בערך 30 מיליאָן זל.

וואָס אנבעלאַנגט די ספּעציעלע האַנדווערקער־קאָאָפּעראַטיוועז, האָט ווייטער אויסגעפיהרט דער רעדנער, ווייזט די סטאַטיסטיק פון מלוכה׳שען קאָאָפּעראַטיוועז־ראַט, אַז צום 1־טען יאַנואַר 1934 זענען געווען פערעגיסטרירט 422 אַזעלכע קאָאָפּעראַטיוועז, דערין 29 פערבאַנדישע און 213 „ווילדע". אָט די לעצטע צאָהל דערווייזט, אַז די רעוויזיאָנס־פערבאַנדען האָבען זיך וועניג אָפּגעגעבען מיט דער האַנדווערקער־קאָאָפּעראַציע, און איז געווען די וויכטיגסטע סיבה, פאַרוואָס די קאָאָפּעראַטיוועז האָבען נישט געהאַט קיין דערפאָלג. צולעצט האָט דער רעדנער אָנגעוויזען אויף אַ רייהע אומקלאָרקייטען אין די פאָרשריפטען וועגען די האַנדווערקערישע ווירטשאַפטליכע פערבאַנדען און האָט פערענדיגט מיט דעם אויספיהר, אַז אויף צו בעשיצען די ווירטשאַפטליכע אינטערעסען פון האַנדווערק איז ריכטיגער פון אַלץ צו אָרגאַניזירען וואָס מעהרער קאָאָפּעראַטיוועז.

דער רעפערענט ה׳ ק. סאָקאָלאָווסקי האָט אין זיין שלוס־וואָרט קודם־כל דערקלערט, אַז ער איז אַרויסגעטרעטען דאָ, אין דער קאָאָפּעראַטיסטען געזעלשאַפט, אין זיין אייגענעם נאָמען, דעריבער קאָן ער נישט ענטפערען אויף דער פראַגע, ווי אַזוי שטעלט מען זיך פאָר אין האַנדעלס־מיניסטעריום די בעציהונגען פון די פערבאַנדען צו די פרייע האַנדווערקערישע אָרגאַניזאַציעס. וואָס אנבעלאַנגט דער קריטישער בעמערקונג פון ה׳ י. יאַשונסקי, אַז לויט דער נאָוועלע צום אינדוסטריע־געזעץ קאָן אין לאַנד עקזיסטירען בלויז איין ווירטשאַפטליכער פערבאַנד פאַר יעדער בראַנזשע איז טאַקע אַזאַ פאָרשריפט ווירקליך פאַראַן אין דער נאָוועלע, מען דאַרף אָבער די פאָרשריפט אויסטייטשען, אויף פאָלגענדען אופן: אַלפּוילישע ווירטשאַפטליכע פערבאַנדען קאָנען עקזיסטירען בלויז צו איינעם פאַר יעדער בראַנזשע אין האַנדווערק. דאַגעגען קאָנען גלייכצייטיג עקזיסטירען צו עטליכע וואָיעוואָדישע און פּאָוויאַטאָווע ווירטשאַפטליכע פערבאַנדען פאַר דער אָדער יענער בראַנזשע פון האַנדווערק. פּראַקטיש קאָן זיין אַ רייד דערוועגען ווייל נאָר וועגען ווירטשאַפטליכע פערבאַנדען פאַר קלענערע טעריטאָריעס, און עס איז אויף דער נאָהענטסטער צייט נישט אַקטועל די גרינדונג פון אַן׳אַלפּוילישען ווירטשאַפטליכען פערבאַנד. עס קאָן בכלל נישט געמאָלט זיין קיין אַלגעמיינער רעצעפּט, ווי אַזוי צו בעשיצען די ווירטשאַפטליכע אינטערעסען פון דער מלאכה. די הויפּט־זאַך איז, אַז די האַנדווערקער זאָלען זיך אָרגאַניזירען, און מען זאָל גובר זיין די וויכטיגסטע שוועריגקייט, דעם מאַנגעל אין פּאַסיגע מענשען.

דערמיט האָט זיך די דיסקוסיע פערענדיגט. דער אַלגעמיינער איינדרוק איז געווען, אַז די פּלענער פון צוואַנגס־פערבאַנד פאַר האַנדווערקער ווערען איצט בעטראַכט אַלס נישט־אַקטועל, און די בעציהונג צו קאָאָפּעראַטיווע אָרגאַניזאַציעס פאַר בעלי־מלאכות וועט זיין אַ גינסטיגע.

א. ב.

פון צענטראַלן האַנדווערקער־פערבאַנד, פּילסודסקיעגאַ 69

דער צענטראַלער יודישער האַנדווערקער־פערבאַנד, מאַכט אויפמערקזאַם, אַז לויט אַ צירקולאַר פון פינאַנץ־מיניסטער האָבען די שטייער־קאַמערן דאָס רעכט צו אַנולירען אַ טייל פון אויסגעמאָסטענעם ריטשאַלט אומזאַץ־שטייער אויפ׳ן יאָהר 1935.

צו געניסען פון דער הנחה מוז מען אָפּגעבען אַ בקשה אין שטייער־אַמט שפּעטסטענס ביז׳ן 15 יולי ה. י.

די בקשה מוז זיין גוט מאָטיווירט און אויפגעגעבען די סיבה פאַרוואָס דער אומזאַץ איז היי יאָהר קלענער ווי אין פריהעריגע יאָהרען. די מאָטיוון קענען זיין דאָס אויסקויפען אַ קלענערען פּאַטענט דאָס בעשעפטיגען אַ קלענערע צאָהל אַרבייטער א. א. וו.

אין פאַל ווען דער שטייער־אַמט וועט אַנערקענען, אַז דער ריטשאַלט איז צו גרויס וועט דער אַמט די סומע צייטווייליג בעגרעניצען און דורך דער שטייער־קאַמער אַנולירט ווערען אין טערמין ביז׳ן 31 דעצעמבער ה. י.

אין שייכות דערמיט דאַרפען די אַלע וואָס זענען בעפולהט געוואָרען מיט׳ן אויסגעמאָסטענעם ריטשאַלט — שוין אָפּגעגעבען אַ בקשה אין שטייער־אַמט וועגען פערקלענערען.

בקשות, וואָס וועלען אָפּגעגעבען ווערען נאָכ׳ן 15 יולי ה. י. וועלען נישט בעטראַכט ווערען.

פון מעטאַל־צעך

די האַנדווערקער־קאַמער האָט לעצטענס נאָמינירט אַלס עקזאַמינאַטאָר׳ס פון די מייסטער עקזאַמענער קאָמיסיע פון שלאָסער פאַך, די ח״ה פ. מאָטיל, אַלס פערטרעטער מ. רינזשיק.

פון דער עקזאַמענער־קאָמיסיע פאַר געזעלען די ח״ה ב. וואָראַבעיטשיק, פערטרעטער ח. לעוואָקאָוויטש.

* * *

פון מעשענגיסער און מעטאַל דרעהער פאַך אין דער מייסטער עקזאַמענער־קאָמיסיע: ש. פּערמאַן, אין דער געזעלען עקזאַמענער־קאָמיסיע מ. טאַבאַקשמוקלער.

* * *

אין בראָנזירער־פאַך: אין דער מייסטער־עקזאַמענער־קאָמיסיע: ה׳ משה לאַסמאַן. פון דער געזעלען עקזאַמענער־קאָמיסיע ה׳ י. קיוואַק.

ד׳ עקזאַמענער־קאָמיסיע פאַר קופּערשמידער איז ביז־איצט נאָך נישט פעסטגעשטעלט געוואָרען.

פון פריזיער־צעך

די ערגענצונגס־קורסען פאַר קאַנדידאַטען: געזעלען און מייסטער, וואָס דאַרפען צוטרעטען צו די עקזאַמענס האָבען זיך שטאַרק ענטוויקעלט. צום ערשטען קורס איז די לייטונג נישט אומשטאַנד געווען אַנצונעהמען די אַלע קאַנדידאַטען, וואָס האָבען זיך געוואָנדען.

דער ערשטער קורס ענדיגט זיך שוין און עס האָבען זיך שוין איינגעשריבען די גענוגענדע צאָהל קאַנדידאַטען צום צווייטען קורס.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער גרויסער צאָהל קאַנדידאַטען, האָט די פערוואַלטונג פון צעך בעשלאָסען צו פערברייטערען די קורסען, כדי צו קענען אַריינצונעהמען די אַלע קאַנדידאַטען, וואָס מעלדען זיך צו די קורסען.

* * *

די פערוואַלטונג פון פריזיער־צעך מאַכט בעקאַנט, אַז עס איז געשאַפען געוואָרען מעדיצינישע הילף פאַר די מיטגלידער.

דער צעך האָט זיך געשטעלט אין קאָנטאַקט מיט אָנגעזעהענע דאָקטוירים פון אַלע ספּעציאַליטעטען, וועלכע וועלען ערטיילען מעדיצינישע הילף פאַר די מיטגלידער.

פון קאַפּעלושמאַכער־צעך

אין קאַפּעלושמאַכער פאַך הערשט יעצט אַ שעדליכע קאָנקורענץ וואָס ווערט אָנגעפיהרט מצד די הורטאָווניקעס. וועלכע פערקויפען רויה־מאַטעריאַל צו איבערפּראָדוקציע און גלייכצייטיג פערקויפען זיי קאַפּעלושען ענצעל קליענטען.

דער צושטאַנד ברענגט גרויס שאָדען דעם כלל קאַפּעלוש־מאַכער, וועלכע זענען נישט אומשטאַנד בייצוקומען די פרייזען.

אין שייכות דערמיט האָט די פערוואַלטונג פון צעך גערופען עטליכע פערזאַמלונגען אויף וועלכע די פראַגע איז ברייט אַרומגערעדט געוואָרען און עס איז בעשלאָסען געוואָרען אָנצונעהמען די געהעריגע שריט דעם מצב צו בעקעמפען.

* * *

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס נאָר נאָך ערע חובות, און ערשט דאַן וועט מען קענען אין לויפענדען יאָהר קענען די געזעלען צוטרעטען צו די הנחה עקזאַמענס, האָט די פערוואַלטונג פון קאַפּעלושמאַכער צעך פונאַנדערגעשיקט אַ ווענדונג צו אַלע קאַפּעלושמאַכער געזעלען, אַז זיי זאָלען שוין צוטרעטען צו די עקזאַמענס.

עס איז כדאי צו בעמערקען, אַז די צאָהל יודישע געזעלען, וואָס בעזיצען געזעלען דיפּלאָמען איז אַ זעהר קליינע און דער בעשטאַנד קען ברענגען צום אונטערגאַנג פון יודישען קאַפּעלושמאַכער און דאָס דאַרפען די יודישע געזעלען נעהמען אין אַכט.

פון שטריקער־מייסטער־פעראיין (אויפרוף)

שוין נישט איין מאָל איז אָנגעוויזען געוואָרען אין דער פרעסע און אויף פערזאַמלונגען, אויף דער שעדליכער פּאַסיווקייט פון די מיטגלידער. שוין נישט רעדענדיג וועגען די, וועלכע געפינען זיך נאָך אויסער אונזערע רייהען. עס ווערען צוגעגרייט מאַטעריאַלען און איניציאַטיוון וועט זיך אָנהויבען די גרויסע ווערביר־אַרבייט, — יעדער שטריקער וועט מוזען געהערען צום פעראיין און אונטערוואַרפען זיך זיינע בעשלוסען, צי ער וועט דאָס וועלען אָדער נישט, עס וועלען זיך געפונען גענוג איבערצייגענדיגע און ווירקזאַמע מיטלען דערצו, ווייל — די הפקרות אין פאַך שטייגען שוין איבער יעדער נאָרמע פון מענשליכע לאָגיק, ווייטער גיין איז שוין נישטאָ וואוהין — סיידען אין גאַנצען אונטערגיין.

צום גליק געפינען זיך נאָך צווישען שטריקער אַ שיכט לאָגיש דענקענדיגע מענשען מיט אַ פעסטען ווילען און גלויבען, און מיט זייער הילף, זענען מיר זיכער, וועט דער כאַאָס, וואָס הערשט היינט צ׳ טאָג ווערען ליקווידירט.

מיר האָבען אָנגעוויזען אויף די פּאַסיווקייט פון די מיטגלידער און מיר שטרייכען אונטער, אַז די גרויסע צאָהל פאַרעגעסטרירטע אין פּאַסיווען, אַלזאָ דער שיכט וואָס דאַרף זיין דער אַוואַנגאַרד, בעגיין אַ פּשוט׳ן פערברעכען, אויב זיי בלייבען פּאַסיוו און דווקא אין אַזאַ שווערער צייט, ווען מען דאַרף אָנשטרענגען אַלע כחות געזונד צו מאַכען דאָס פאַך, צוריקצושטעלען עס, אויב נישט צו זיין פריהערדיגע מדרגה איז כאָטש צו דערמעגליכען אַ מענשליכע עקזיסטענץ.

צוזאַמען מיט׳ן אַנגאַזשירען אַ פונקציאָנאַר, ווערט אַדורכגעפיהרט אַ נייע רעגיסטראַציע, דער חוב איז אַלזאָ פון די מיטגלידער צוקומען די ערשטע זיך איבערעגיסטרירען, בעצאָהלען זייערע אַריינציהען די איבעריגע, נאָך צווייטע און צו שפּרייטע אין פעראיין אַריין.

דער פעראיין פיהרט איצט עטליכע אַקציעס, צווישען זיי דער קאַמף געגען נאַכט־אַרבייט, וואָס בעדראָהט דאָס פאַך און שאַפט אַן׳איבערפּראָדוקציע.

מיר רופען נאָך אַמאָל: אַלע אין פעראיין! זאָל קיין איינער נישט פעהלען! דאָס ליגט אין אייער אייגענעם אינטערעס, — וואָס גרעסער ס׳וועט זיין אונזער צאָהל, אַלץ דערפאָלגרייכער וועט זיין דער קאַמף.

צאָהלט אייער בעשטייערונג! ווייל פון אייערע גראָשענס ווערט אויסגעהאַלטען דער פעראיין, און צאָהלט איהר נישט — גראָבט איהר בעוואוסטזיניג אונטער זיין עקזיסטענץ און ברענגט שאָדען דעם פאַך און זיך אַליין.

די פערוואַלטונג פון שטריקער־מייסטער־פעראיין אין לאָדז:

ראַדיאָ - ווינקעל

וואו איז דער „פּלוס" און דער „מינוס" פון אַקומולאַטאָר

עס טרעפט זיך אָפט, אַז פון אַקומולאַטאָר פאַלען אַראָפּ די קליינע בלעכלעך מיט דער בעצייכנונג פון „פּלוס" אָדער „מינוס" פון אַקומולאַטאָר. דאָס פערשאַפט אַ סך מאָל פיל דאגות דעם ראַדיאָ־אַמאַטאָר, וועלכער ווייסט דעמאָלט נישט ווי אַזוי צו פערביינדען געהעריג די דראָטען פון אַפּאַראַט, עס איז אָבער פאַראַן אַ לייכט מיטעל, ווי אַזוי צו אונטערשיידען דעם „פּלוס" פון „מינוס" פון אַקומולאַטאָר. מען דאַרף נאָר אַ קוק טון אויף די בלייענע פּלאַטען פון אַקומולאַטאָר, איין פּלאַטע איז אַ זעהר טונקעלע און האָט דעם קאָליר פון שאָקאָלאַד. דאָס איז אַ פּאָזיטיווע פּלאַטע, די אַנדערע פּלאַטע האָט אַ העל־גרויען קאָליר דאָס איז אַ נעגאַטיווע פּלאַטע. אַז מיר וועלען זיך גענוי צוקוקען צו די פּלאַטען ווי אַזוי זיי געהען אַרויס פון דער גלעזערנער כלי, וועלען מיר גלייכצייטיג אויך קאָנען פעסטשטעלען וואו איז דער „מינוס" און וואו דער „פּלוס" פון אַקומולאַטאָר.

די צייטונגען בענוצען זיך שוין מיט טעלעוויזיע

צייט און רוים האָבען שוין איצט, אַ דאַנק די ריזיגע דערגרייכונגען פון טעכניק כמעט קיין שום בעדייטונג נישט.

ווער וואָלט עס געקאָנט גלויבען, איידער ראַדיאָ איז ערפינדען געוואָרען, אַז צווישען אַ וויכטיגער געשעהניש ערגיץ וואו אויף דער וועלט און דאָס אַרויסלאָזען אַן׳עקסטראַ אויסגאַבע דורך דער צייטונג וואָס געפינט זיך טויזענדער קילאָמעטער ווייט פון פּאַרפאַל קאָן פאַריבער איינגאַנצען עטליכע געצעהלטע מינוטען.

איצט ווערט מען געוואויר, אַז אַ געוויסער אינזשיניער בעלין אויס פּאַריז האָט ערפונדען אַן׳אַפּאַראַט, וועלכען ער האָט אָנגערופען „בעלינאָגראַף", דער דאָזיגער געהיימניספולער אַפּאַראַט, וועלכער איז שוין טעטיג אין דער רעדאַקציע פון דער גרויסער פראַנצויזישער צייטונג „פּאַרי סואַר" גיט די מעגליכקייט צו בעקומען פאָטאָגראַפישע אויפנאַהמעס תיכף ווי עס האָט זי אויפגענומען דער פאָטאָ־רעפּאָרטער. דערביי שפּילט דאָ נישט קיין שום ראָלע דאָס אָרט, וואו דער פאָטאָ רעפּאָרטער געפינט זיך.

שוין די ערשטע עקספּערימענטען האָבען דערוויזען, אַז דער פאָטאָ־רעפּאָרטער האָט געמאַכט די אויפנאַמע אין ניו יאָרק און זי איז מאָמענטאַל אויפגעכאַפּט געוואָרען דורך דעם אַפּאַראַט „בעלינאָגראַף" וואָס געפינט זיך אין דער פּאַריזער צייטונג.

אויב עס וועט ווייטער אַזוי געהען די ענטוויקלונג פון דער טעכניק מיט אַזאַ ברויזענדען טעמפּאָ ווי ביז איצט — וועלען אין קורצען די צייטונגען פערוואַנדעלט ווערען אין אַן׳אָרגאַן מיט ידיעות פון לויפענדען טאָג אין אַן׳אָרגאַן פון דער לויפענדער מינוט. אין אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט וועלען ספּעציעלע פאָטאָ־רעפּאָרטערן מאָמענטאַל שיקען זייערע אויפנאַהמעס אין די רעדאַקציעס און פאַר דעם לעזער וועט די צייטונג האָבען די זעלבע בעדייטונג וואָס עס האָבען איצט די פילם אַקטואַליען פאַר׳ן קינאָ־צושויער.

די איינצעלהייטען פון דער דאָזיגער סענסאַציאָנעלער ערפינדונג האַלט דער אינזשיניער בעלין בסוד, מען ווייסט נאָר אַז דער יסוד פון דער דאָזיגער ערפינדונג שטיצט זיך אויף דער פעראייניגונג פון 2 פונקציעס — פון אַ כעמיגראַפישען אַפּאַראַט און אַ קורץ־כוואַליעדיגער ראַדיאָ־סטאַציע.

אינטערעסאַנט איז, אַז בעת די טרויער פייערליכקייטען נאָכן טויט פון מאַרשאַל פּילסודסקי זענען די פראַנצויזישע זשורנאַליסטען אַראָפּגעקומען קיין וואַרשאַ מיט די דאָזיגע „בעלינאָגראַפען" און כסדר געשיקט פאָטאָגראַפישע אויפנאַהמעס פון די לוויה־פייערליכקייטען, די דאָזיגע אויפנאַהמעס זענען צו־מאָרגענס גלענצענד אַרויסגעקומען אין די פּאַריזער צייטונגען.

ראַדיאָ־פּראָגראַם

דינסטאַג, ד. 18 יוני

6.36 — גימנאַסטיק. 6.50 — פּליטען. 7.20 — ידיעות. 7.30 — טוריסטישע און ספּאָרט־שמועסען. 7.35 — פּליטען. 11.57 — צייט־סיגנאַל. 12.03 — ידיעות. 12.15 — קאָנצערט. 1.35 — פּליטען. 3.15 — בערזע. 3.25 — עקספּאָרט. 3.30 פּליטען. 4.15 — לידער. 4.25 — קאָנצערט. 5 — פון פּ. ק. אָ. 5.15 — קאָנצערט פאַר זומער־וואַוינונגען און קור־ערטער. 6 — רעפעראַט. 6.10 — אַ מינוט פּאָעזיע. 6.15 — „גאַנץ פּוילען זינגט". 6.30 — טעכניש קעסטעל. 6.45 — פּליטען. 7.15 רעקלאַמע־קאָנצערט 7.50 — אַקטועלע שמועסען. 8 — פּליטען. 8.10 — פון טענים־מעטשפּוילען — יאַפּאַן. 8.25 — אָרקעסטער. 8.45 — ידיעות. 9.25 סימפ. קאָנצערט. 10.30 — ספּאָרט. 10.40 — קאָנצערט. 11 ידיעות, קאָמוניקאַטען.

Rita Konarzewska

היינט, דינסטאג, דעם 18 יוני 6 און 9 אָוונט

גרויסער געזעגענונגס-בענעפיס פון

ס'וועט געגעבן

דער גרויסער שלאַ-

גער-רעווי א. נ.

„צוזאַמענפּאַהר פון טייז"!

Zgorzelska J., Jeleńska, Aleksy Alex, Zięciakiewicz, Dworaczyńska, Alina Wilczyńska, Suwalski Zdzisław, Oryński Merjan, Wolińska Wanda ווי אויך Leonowicz Borkowska, Pragierówna, Boruński, Jaśkowski, Skarasiński, Żarski, Leski, Rawski, Czerwiński i in. אויפ'ן עקראַן: פר עכטיגער פילם. אָנהויב 6 און 9 אָוונט.

נאָרמאַלע פרייזן פון די פלעצער פון 54 גר. ביז 1.09 זל.

קינא-רעווי

AMOR

89 פּאָמאָרסקאַ 89, טעל. 805=24.

דאס ביליגסטע טעאטער אין לאָדז

היינט פרעזענטירעז מיר

דאס אומשטערבליכע ווערק פון גרויסען שרייבער

א. נ. Lew Tołstoj

„KATIUSZA"

R. Mamoulian רעזשי: FR. MARCH און ANNA STEN אין די הויפטראָלען:

אויסער'ן פראָגראַם: קלאַנג-צוגאַבע און אַקטואַליטעטען. —::— אָנהייב פון די סעאַנסען: אין געוו. טעג 4.30 נאָכמ. שבת און זונטאָג 12.30 בייטאָג

קלאַנג-קינא

CAPITOL

זאַוואַדזקאַ 16

לעטשניצע

פאַר וועגעריש קראַנקע

פון דאָקטוירים ספעציאַליסטען

לאָדז, זאַוואַדזקאַ 1

טעל. 122-73

מאָמיג פון 8 פריה ביז 9 אָוונט.

וועגעריש-קראַנקע, מענערשוואַכע

און הויט-קראַנקהייטען

אַנאַליזען פון בלוט און אורין

די פּערהיטונגס-סטאַציע

איז מאָטיג א גאַנצען מעת לעת

פאַר פרויען א ספעציעלער ווארטע-זאַל

א בעראַטונג 3 זל.

Dr. med. JÓZEF SZEPS

אינערליכע קראַנקהייטען

אָרדינירט פון 1. יוני אין קאַלושינע

(ווילאַ רויטמאַן)

אין לאָדז, פּילסודסקיעגאָ 36

טעל. 224-13. פון 2—4 נאָכמ.

Dr. med. W. EYCHNER

פרויען-קראַנקהייטען

צעגעלניאַנאַ 4. טעל. 134-72

נעמט אָן פון 2 ביז 3.30 נאָכמיטאָג

און פון 6.30 ביז 8.30 אָוונט

אין לעטשניצע זגערזשער 17

פון 10—12 בייטאָג.

ווענעראָלאָגישעס אמבולאַטאָריום

ספּעציעל פאַר וועגערישע קראַנקע

און מענער-שוואַכע.

אָמפּפאַנגס-שטונדען פון 12—2

לעטשניצע

זגערזשער 17.

סאַנאַטאָריום

אין כעלמי

פאַר דערוואַקסענע און קינדער

איז ווידער געעפענט!

שטענדיגע ערצטליכע בעהאַנדלונג. פאַר.

ציגליכע ריטועל-דיעטעטישע קוך און אַלע

בעקוועמליכקייטען. מעסיגע פרייזען!

צו ערפאַהרען אויפ'ן אָרט און אין לאָדז

טעלעפ. 122-60 און 81-127.

לונגען-ליידענדע ווערען נישט אָנגענומען.

DRUSKIENIKI

פּרעכטיגער קוראָרט ביים ניעמאַן

צווישען געדיכטע סאָסנאָווע וועלדער

היילט: ארטרעטיזם, רעאומאַטיזם,

האַרץ- און פרויען-קראַנקהייטען.

דער איינציגער איז פוילען הייל-אַנשטאַלט פון אנווענדען

זון, לופט און בעוועגונג.

דער צופאַהר מיט דער ניי-אויסגעבויטער באַהן-ליניע ביז'ן קור-אָרט.

האַלאָ! האַלאָ!

וויכטיג פאַר לעטניקעס!

אַנשטאָט זיך צו באָרגען אַ בעט אויף אַמנויק-געלד,

קויפט בעסער פאַר'ן זעלבען געלד

אַנ'עכט פּאַטענטירט בעט מיט אַ מאַטראַץ

פאַר וועלכען מיר גאַראַנטירען אויף 3 יאָהר.

אויך לאַגער אַ גרויסער אויסוואַהל פון פעלד-בעטלעך

און לעזשאַקעס צו קאָנקורענץ-פרייזען.

צו בעקומען נור אין דער בעקאַנטער פאַבריק אויף

פּולנאָצנאַ 24

אינהאַבער ה. פּיווניק

הורט! דעטייל!

קליינע אַנאָנסען

1 זלאָטי אַנ'אָנאָנס ביז 15 ווערטער 1 זלאָטי

פּרייוע פאַסטענס

די קליינהענדלער-באַנק אין לאָדז, אַגראַראָווע 2, זוכט אַ ביוראָליסט, וועלכער האָט געאַרבייט אין אַ באַנק. מיט אָפערטען זיך צו ווענדען אין די ביוראָ-שעה'ן פון 9 ביז 13³⁰ און פון 15³⁰ ביז 17 אין לאָקאַל פון באַנק.

אַ קראַוואַטען - צושניידער ווערט געזוכט. אָפערטען אין אדמינ. פון דער צייטונג אונטער „Czysty jedwab"

אַ קוואַליפיצירטער אַבערהעמדער-צושניידער ווערט געזוכט. אָפערטען אונטער „צושניידער" אין אדמ. 9107

עס ווערט געזוכט אַ ענערגישער מענש אין מיטעל-יאָהרען, בעפּאָרצוגט צועלכער, וואָס איז בעקאַנט אין דער אייזען-בראַנזשע. וואָלטשאַנסקאַ 60. אין אייזען-סקלאַד. 9108

אַ לערן-יונגעל, באַלד געצאָהלט, פון 14 יאָהר אָן, ווערט געברויכט אין דער שאַכטעל-פאַבריק צעגעלניאַנאַ 16.

אַנ'אונטערנייהער צו אַ קאַמאַשען-מאַכער. ווי אויך אַ לערן - יונגעל פון אָרענטליכע עלטערן ווערט געברויכט. — 6-טער שטרפּען 14, רובינאָוויטש, וו. 28

אַ געהילפס-נייהער צו אַ קאַמאַשען-שטעפּער ווערט פון זאָפאָרט געברויכט ביי בענטקאָווסקי, נאָוואָ-זאַרזשעווסקאַ 11

אַ געהילף און אַ לערן-יונגעל צו בייטלען, וואַליזען און טעטשקעס איז פון זאָפאָרט נויטיג. פּיעטריקאָווער 88, ביי רייס.

ס'ווערט געזוכט אַ יונגעל אַ האַנדי-נייהער צו אַ שניידער. צו מעלדען זיך וואַרטסקי, פּולנאָצנאַ 5.

פערשידענעס

גאַנץ לאָדז האָט זיך שוין איבערציינט, אז די בעסטע און בעשמאַקסטע מיטאָגען בעקומט מען נאָר ביי הערמאַן לעווינסקי, פּילסודסקיעגאָ 39, פּראַנט, 2. שטאָק. טעל. 169-94. 9111

עס ווערט געזוכט אַ שותף מיט אַ קליינעם קאַפּיטאַל ביז 2000 זל. געזיכערטע פּרנסה. אָפערטען אין אדמיניסטר. אונטער „S. F." 9104

אַכטונג! די קונסטשטאָפּעריי פון נאַד-לודקאַ 12 האָט זיך איבערגעצויגען אויף 11. ליסטאָפּאַדאַ 29: מיר שטאָפּען לעכער און געוואַלדריטען און אַנציגער און קליידער גישט צו דערקענען, אויך אַנציגער צו פּרעסען, רייניגען, צורעכט-מאַכען צו זעהר ביליגע פרייזן. אַרבאַנעק, 11. ליסטאָפּאַדאַ 29.

„באַר וואַרשאַווסקי" נאַוואָמיעסקאַ 19, אין הויף. גיט אָרויס ערשטקלאַסיגע. מיטאָגען און קאָלאַציעס אויך ווערט געברויכט אַ דערוואַקסען יונגעל—אַ געהילף

אַ פּראָווינצער יונגערמאַן צו צו-טראָגען צייטונגען אויף אָנגעוויזענע שטעלען, בעצאָהלונג פּולע בעקעסטיגונג און אַ קליינעם געהאַלט. צו ווענדען זיך צום צייטונגס-פערשפּרייטער פון גייער'ס ראַיאָן, רזשגאָווסקאַ 5.

ביליג צו פערקויפען אַ טרויטער-מאַשין „דיאַמאַנדווערקע" 8/70 נופען, ספּעציאַל פּאַנג אין בעסטען צושטאַנד, ווי אויך אַ היגט. סופ. מלינאַרסקאַ 12.

ראַקאַלען

Centrum! Pokój 2=okienny słoneczny, ł. umeblowany przy pojedyńczej osobie, ew. używalność kuchni. Piotrk. 56, m. 47.

Pokój umeblowany lub bez umeblowanie od zaraz do wynajęcia dla 2-ch panów lub pań, wszelkie wygody. Wiad. Wólczańska 4, m. 9.

Dr. Med.

J.Schlosser

כירורג

האָט זיך איבערגעצויגען אויף

צעגעלניאַנאַ 30 טעל. 122-16

נעהמט אָן טעגליך פון 4—7 אָוו.

דער פאָטאָגראַפישער אַטעליער „POLONJA"

גדאַנסקאַ 31

גיט אַלם פּרעמיע אויף אַ קורצע צייט

7 רעטושירטע פאָטאָגראַפיעס

מיט אַ פערגרעסערונג נאָר פאַר 1.50

פאַר יודען, וואָס פאָהרען נאָך פּאַלעסטינאַ, ווערט אויסגעפערטיגט אַלע אַרט פּאַס-פאָטאָגראַפיעס שנעל, גוט און ביליג.

בעמערקונג: גרויסע בילדער מאַך איך צו זעהר נידריגע פרייזען.

מיט אַכטונג

אינהאַבער: גוטערמאַן

לאָדז, גדאַנסקאַ 31.

Zakład fryzjerski damsko-męski

p. f. „BOLESŁAW" 6-go Sierpnia 7

(vis-a-vis) Banku Handlowego) tel. 135=62.

פיהרט אויס זעמטליכע אַרבייטען פאַכמעניש צו נידריגע פרייזען.

אין דאַמען-סאַלאָן אָנדולאַציע 70 גר., שערען 50 גר., קאָפּ-וואַשען 70 גר.. וואַסער-אָנדולאַציע 1.20 זל.

פאַרבען די האָר „Inecto Rapid" i „HENNA OREAL"

דויערהאַפטיגע אָנדולאַציע 10 זל.

אין מענער-סאַלאָן ראַזירען מיט קעלניש-וואַסער 30 גר., שערען 50 גר.

אַלע ווייסעז,

אַז

קליידער, אַנצוגעז, מאַנטלעז,

קינדער-גאַרדעראָב און וועש

וואַשט, פּוצט,

רייניגט און פאַרבט

די בעוואוסטע יודישע כעמישע

וועשעריי און פאַרבעריי

„עריקאַ"

מלינאַרסקאַ 2 (ביים רוג בזשעזשינער)

די ביליגסטע פרייזען, רעעלע,

אויסגעצייכנעטע אויספירונג!

צופאָהר מיט די טראַמוואַיען 1, 6, 14.

אַנאָנסען

— אין —

פאָלקסבלאַט

האַבען גרויס ערפאָלג

Dr. med. M. TAUBENHAUS

ספּעציאַליסט

פאַר אַקושעריע און פרויען-קראַנקהייטען

פערהיטונג געגען שוואַנגערשאַפט

זגערזשער 11, טעל. 246-09

נעמט אָן פון 4—8 אָוונט.

Dr. med.

Z. DATYNER

אוראָלאָג

ספּעצ. פאַר נירען, בלאָז און אורין-קראַנק.

ZACHODNIA 59a, tel. 148-95

נעהמט אָן פון 2—3 און פון 6—8 אָוו.

ד"ר

ס. קאַנטאָר

ספּעצ. פאַר הויט און וועגערישע

קראַנקהייטען (מענער-שוואַכע)

פּיעטריקאָווער 90

טעל. 129-45.

נעמט אָן פון 8—2 נ"מ און פון 6—9 אָוו.

ד"ר העללער

ספּעצ. פאַר הויט און וועגערישע

קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע

טראַוגוטאַ 8, טעל. 179-89

נעמט אָן פון 8—11 און פון 4—8 אָוונט.

זונטאָג פון 10—12 מיטאָג.

פאַר פרויען אַ ספּעציעלער וואַרטע-זאַל.

אומבעמיטעלטע — לעטשניצע-פרייזן

Dr. med. Niewiażski

ספּעציאַליסט פאַר טריפּער, סיפיליס

און הויט-קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג

פון מענער-שוואַכע

אַבדזשעיאַ 5, טעל. 159-40

פּראַנט, 1-טער שטאָק.

נעהמט אָן פון 8—11 און פון 5—9 אָוו.

זונטאָג און יום-טוב פון 9—1 פאָרמיטאָג.

בעזונדערער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

אָנאָנסען-פרייז פאַר אַ מילימעטער-שורה: טעקסט—18 גר. פרייטאָג און ערב-יו"ט—24 גר. ... [illegible]

אין טעקסט—40	—60
אונטער טעקסט—12	—18

[illegible]

Za wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i P. Wajntraub
Czcionkami i druk rotac. „Najer Folksblat", Piotrkowska 21.
Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman